## דער אָפּרוף אויפן ערשטן נומער „סביבה"

**מיט אַ היפּשער אָנלאָדונג פון ספיקות האָבן מיר אַרויסגעגעבן דעם ערשטן נומער „סביבה".**

**עס איז געווען כמעט אַן איבעררעשונג דער וואַרעמער אָפּרוף אויפן ערשטן נומער. מיר האָבן באַקומען אַ סך בריוו פון פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך פון אַמעריקע, קאַנאַדע און ישראל. מיר פאַרעפנטלעכן דאָ אויסצוגן פון אַ צאָל בריוו לויטן סדר ווי מיר האָבן זיי באַקומען.**

**פאַרעפנטלעכן בריוו איז נישט קיין מידה פון עניוות. נאָר אין דעם מצב אין וועלכן מיר געפינען זיך איז אפשר אַ מצווה אַראָפּצושאָקלען אַ פּאָר מעסטלעך פון באַשיידנקייט.**

ש. באָנטשעק — ניו־יאָרק (דער ערשטער אַבאָנענט פון דער „סביבה"): **איך בין אַ לייענער פון אידישער ליטעראַטור... בעט איך אייך מיר צושיקן דעם נומער „סביבה" פאַר וועלכן איך שיק אייך בייגעלייגט אַ טשעק. ווינטש איך אייך מזל און לעבן און דאָס זעלבע מיטן זשורנאַל פאַר לאַנגע נחתדיקע יאָרן.**

מאַלי און איזידאָר רובינשטיין — מיאַמי: **מיר ווינטשן אייך דערפאָלג מיט אייער נייער „סביבה". מען דאַרף ניט קלערן וואָס געווען, מ'דאַרף איצט.**

דר. שרה פעדער — קאָלאָמבוס, מיזורי: **איך וויל ווינטשן אייך און די מיטאַרבעטער פון „סביבה" אַ סך יאָרן... די וואָס האָבן ליבע און רעספּעקט צו דער אידישער שפּראַך באַגריסן אייער איבערגעבנקייט צו דער אידישער ליטעראַטור דורך אייער נייסטער ליטעראַרישער אונטערנעמונג. זייט געגריסט און געשטאַרקט.**

ווילי שאָר — לאָס אַנדזשעלעס: **עס איז דאָך אַ וואונדערלעכער זשורנאַל, פון דער ערשטער זייט ביז דער לעצטער איז עס אמתע קונסט. דער זשורנאַל „סביבה" איז אַ געשעעניש אין דער ליטעראַרישער וועלט... נ. ב. פאַרוואָס בלויז דריי דאָלאַר? פינף דאָלאַר וואָלט דאָך געווען אַן אויסערגעוויינלעכע מציאה.**

ח. טאַלמאַטש — מאָנטרעאָל: **דערהאַלטן אייער ערשטן באַנייטן נומער „סביבה" — איז פאַרוואָס ווייס איך ניט, איך האָב עס געלייענט אַן אָוונט און אַ האַלבע נאַכט און איך געדענק שוין ניט די צייט פון אַזאַ זעלטענער הנאה. זיך פּשוט אָפּגעפרישט.**

דאָראַ ליטמאַן — עלקינס פּאַרק, פּענסילווייניאַ: **מיר האָבן דערהאַלטן די „סביבה"... ווען מיר וואָלטן געהאַט אַ געלעגנהייט אָפטער לייענען אַזעלכע זאַכן, וואָלט אפשר די אידישע קולטור געהאַט אַן אַנדער גאַנג.**

(ווייטערדיקע בריוו אין די קומענדיקע נומערן)

---

**„סביבה" זשורנאַל פאַר ליטעראַטור און קריטיק**
רעד.: קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

**SEVIVA — LITERARY QUARTERLY**
Yearly Subscription: $3.00 — 75 cents a copy
*Editor:* K. MOLODOWSKY, 572 Grand Street, New York 2, N. Y.

PRINTED IN U·S·A· 253

# סביבה

### פערטל־יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור און קריטיק

◈

לידער פון אונזער סביבה.......................יעקב גלאַטשטיין
אויסגעזונגען (ליד).......................מלך ראַוויטש
ווען דער רעאַליזם פאַרשטעלט דעם וועג צום אמת.......................י. באַשעוויס
עמוד־האש, וואָס איז געבליבן ברענען נאָך מיין רבין (פּאָעמע).......................חיים גראַדע
פרילינג־רויזן (דערציילונג).......................קאַדיע מאָלאָדאָווסקי
פּאַראַגראַפן וועגן פּאָעטישן אימאַזש.......................אהרן צייטלין
לידער.......................אליעזר גרינבערג
ווערבע ביים טייך (ליד).......................רחל קאָרן
פיר נביאים — זייער בילדלעכקייט.......................אפרים אויערבאַך
לידער.......................גבריאל פּרייל
מענדעלעס רמזים (צווייטער אַרטיקל).......................שמחה לעוו
צוויי לידער.......................מ. אָליצקי
די אידייע פון דער אידישער ליטעראַטור.......................א. לעיעלעס
לידער.......................רבקה באַסמאַן
אידיש מיט רש"י.......................משה שטאַרקמאַן
חכם רחמים פון אַלט־ירושלים (דערציילונג).......................ארי אבן זהב
די ווערטער פון אַ ליד און די נשמה פון אַ ליד (אַנטאָלאָגיע „דהי גאָלדען פּיקאָק").......................ק. מאָלאָדאָווסקי
אָפּרופן אויף דער „סביבה".

◈

נומער 3
סיון, תשכ"א — מאַי, 1961
ניו־יאָרק, נ. י.

יעקב גלאַטשטיין

# לידער פון אונזער סביבה

איינער פון אונז, פון דער קלענער, אָדער אַביסל גרעסערער סביבה, וואָלט אַמאָל געמעגט נעמען אַ שורה פון אַ ליד, אַן ערשטע שורה, און ווייזן ווי אַזאַ שורה איז געבוירן געוואָרן, וואָס פון איר איז געוואָרן און ווי אַזוי די שורה האָט זיך באַזעצט אין אַ ליד און וואָס פון דעם ליד איז געוואָרן. ווייל אפילו מ׳זאָל אינגאַנצן פאַרלייקענען אינספּיראַציע, מוזן פּאָעטן צוגעבן, אַז געוויינלעך הויבט זיך עס נישט אָן מיטן וואָרט, נאָר מיט דער שורה. ס׳איז נישט תמיד אַזוי, אָבער מייסטנס פּליט אָן אַ שורה און דער פּאָעט ווערט מיט איר פאַרטרויעריקט, אפילו ווען די שורה אַליין זינגט און איז פול מיט פרייד.

ווען די שורה קומט נאַרט זי אָפּ, ווייל דער פּאָעט מיינט אַז זי קומט גלייך מיט איר קליינער אַרמיי; אַז הינטער איר שטייען שוין אַלע שורות פאַרטיק און גרייט צו ווערן דאָס ליד וואָס די שעה האָט אָנגעזאָגט. דער פּאָעט אָבער זעט באַלד איין, אַז מען האָט אים אַריינגענאַרט; אַז אייגנטלעך האָט אים די איינציקע שורה גאָרניט צוגעזאָגט. זי האָט נאָך אפילו גאָרניט געמיינט. זי האָט בלויז געבראַכט אַ פלאַטער, אַ באַזונדערע אָנשטימונג וואָס דער פּאָעט אַליין דאַרף ערשט דעפינירן פאַר זיך. ער דערשפּירט אַז די שורה לעבט און מאָנט, אָבער זי איז איינזאַם, ווי דער פּאָעט איז איינזאַם; זי האָט גאָרניט אַרום זיך אַחוץ לופט און וויבראַציע.

דעם פּאָעט ווערט גוט טרויעריק, ווייל די שורה וועט אים שוין נישט אָפּלאָזן, ער מוז איר געבן תיקון און ס׳איז אים אַ סך שווערער מיט דעם געבורט פון דער איינציקער שורה, ווי פריער ווען ער האָט געהאַט פאַר זיך דאָס גאַנצע ווייסע פּאַפּיר.

אָבער זייער זעלטן האָט דער פּאָעט דאָס גאַנצע ווייסע פּאַפּיר. ער זעצט זיך אַוועק אַ פאַריאָכטער מיט דער איינציקער שורה, און ער מוז זיך דערגראָבן צו איר מיסטיק און דעשיפרירן וואָס איז די שורה אויסן. ער מוז פאַר איר שאַפן דעם מין, אין די ראַמען פון דעם ציטער, וואָס די צוזאַמענגעקליבענע ווערטער האָבן געבראַכט. ווען ער נעמט זיך צעטייטשן דעם פולן פאַרנעם פון דעם ערשטן אָנהויך, דערשפּירט ער ערשט, אַז ער איז אויף אַזויפיל דער מייסטער, אויף וויפל ער אָנערקענט אַז ער איז אַ מייסטער אין אַ קלעם.

ס׳וואָלט דערפאַר כדאי געווען אָנצוצייכענען דעם פולן שאַפונג־פּראָצעס, ווי פון אַ שורה איז געוואָרן איר באַשטימטע און גורלדיקע ליד. ווען עמיצער פון אונז וואָלט עס געטאָן, וואָלט דער סך הכל געווען יאָ און ניט ענלעך אויף דעם וואָס מען האַלט געוויינלעך פאַר רוח הקודש; ווייל אויף די פליגל פון רוח הקודש וואָלטן געהאַנגען עטלעכע שוויס־טראָפּנס, וואָס וואָלטן געוויזן אַז דער פּאָעט האָט באַדאַרפט גאַנץ שטאַרק צואַרבעטן. ס׳וואָלט אָבער אויפגעוויקלט אַ גאַנצע דראַמע. מיר דאַכט זיך, אַז דער געקליבענער עולם וואָס האָט הנאה פון אַ ליד, פון דעם פאַרטיקן פּראָדוקט, וואָלט אַנטוויקלט אַ נאָך וואַרעמערן צוגאַנג צו פּאָעזיע, ווען דער פּאָעט וואָלט פאַר אים געעפנט אַ קליינע שפּאַרע און אים געוויזן ווי אַזוי ער האָט אויסגעטייטשט אַן אָנגעפלויגענע שורה און פאַר איר אַליין אַנטפּלעקט איר באַשטימטן גאַנג און געפונען פאַר איר אַקוראַט די לעבעדיקע שורות, וואָס



נאָך זיי האָט די פון־ערגעץ־געבוירענע שורה געבענקט. ער וואָלט פאַר דעם געציילטן און געקליבענעם לייענער געמגט ווייזן דעם גאַנצן בראַק, די אָפּגעוואָרפענע ווערטער, די וואָס האָבן זיך צו גרינג אָנגעבאָטן, די פאַלשע, צווייט־ראַנגיקע, די כמעט־יקע און נישט די אַקוראַטיקע.

וואָס האָט דער פּאָעט געמוזט טאָן מיט די שורות, וואָס ער האָט אָפּגעקליבן פאַר דער איינציקער שורה, וואָס איז אים געקומען אָנשטימען מיט דער מעלאַנכאָליע, וואָס אמתע פּאָעטן דערשפּירן ממש אין די פינגער, ווען זיי קריגן דעם ערשטן לעבעדיקן ליים? אַ, דער פּאָעט קאָנטראָלירט קודם כל דעם אָנשיק, צי איז אים נישט געקומען אַ לצ׳ל פאַרפירן. נאָך אַלעמען ווייסט דאָך דער פּאָעט, אַז מיליאָנען וואונדערלעכע שורות שלאָפן געזעטיקט און רואיק אין לידער־ביכער פון פאַרשידענע צייטן. ער מוז פריער גוט און טיף דערשפּירן, אַז זיין צייט, זיין רגע האָט אים באַשערט עטלעכע צוזאַמענגעסודעטע ווערטער, אַז זיי זיינען געקומען אויף זיין אַדרעס.

ווען ער דערשפּירט די פולע „בלוטיקע" קרובהשאַפט מיט דער ערשטער שורה; ווען ער באַגרייפט, אַז זי פּאַסט אים, אַז ס׳איז בכבודיק פאַר אים זיך אָפּצוגעבן מיט איר; אַז זי קומט נישט פון אַ פוסטן פּאָס אין אַ ליידיקן קאָפּ, הערט ער זיך איין אין דער אינעווייניקסטער מוזיק פון די רייד און ער נעמט זיך צו זיין געצייג.

ווייסן מיר שוין אַז די שורה באַפאַלט דעם פּאָעט, ווי אַ חזיון, אָבער פונדעסטוועגן מעג מען געדענקען, אַז יעדער פּאָעט קריגט זיך זיין אייגענע ערשט־זעאונג. ער צווינגט דעם באַהאַלטענעם, ברייטהאַרציקן שר פון שורות אים צו געבן די אינספּיראַציע, וואָס פּאַסט אים, אפילו די מוזיק וואָס שטייט אים אָן און די בילדלעכקייט וואָס מיט איר מאַכט דער פּאָעט זיינע שורות זעעוודיקער. קומען מיר צוריק צו דער מיסטיק פון דער ערשטער שורה און מיר זאָגן, אַז מיר האָבן פאָרט אַ באַשטימטן קאָנטראָל איבער אונזער אייגענער אינספּיראַציע. מיט אַ זעקסטן, זיבעטן אָדער ווייפלטן חוש, מאַכן מיר זיך לכתחילה, אין אַ געוויסן פּרט, לייכטער די אַרבעט, דערמיט וואָס מיר אַליין אינספּירירן די ערשטע אינספּיראַציע, אַז זי זאָל אינגאַנצן זיין אונזערע; אַז מיר זאָלן דערקענען די ערשטע שורה. ווי עפּעס וואָס איז געווען אין אונז איינגעשוויגן אַ לאַנגע צייט און זי האָט פּלוצים גענומען אַרויסשווייגן פון אונז און פאָדערן: באַשאַף מיך. מיר באַשאַפן דערפאַר גלייך אַן אינדיווידועלן פּרעפּל, וואָס האָט אַלע כאַראַקטעריסטישע סימנים פון אונזער אייגענער גייסטיקער און פיזישער עקזיסטענץ.

אַקוראַט אַזוי שווער איז עס, ווי עס שרייבט זיך דאָ. דאָס אמתע ליד איז דעם פּאָעטס אייגנסטע זאַך, אייגענער ווי דאָס העמד אויפן לייב. די מאַגיק פון דעם אַנטשטיי און פולן באַשאַף מעג ביי טייל פּאָעטן קומען ווי אַ בליץ, ווי אַ שפּרונג פון אַ גאַזעל, אָבער ס׳איז תמיד אַ רעזולטאַט פון אַ קאָמפּליצירטן פּראָצעס. ס׳איז בלויז, אויב מ׳וועט מיר מוחל זיין דעם פּאַראַדאָקס, אַ פלינקערע פּאַמעלעכקייט, אָבער דאָס ליד מוז סיי ווי קומען פון די טיפענישן און מוז זיין אַן ערלעכע פיזישע און גייסטיקע פּאָטאָגראַפיע פון פּאָעט אַליין, ווייל ער האָט דאָך לכתחילה באַשאַפן זיין אייגענע אינספּיראַציע, אין געשטאַלט פון אַן איינציקער שורה, וואָס קומט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גאַנץ ליד.

פון דעם איז געדרונגען, אַז דער לייענער דאַרף זוכן די אויטענטישע אינספּיראַציע אין יעדער ליד און זוכן די ערשטע שורה, וואָס ווערט אַמאָל די פינפטע אָדער אַכטע. זי איז נישט מקפּיד דווקא אויף דער בכורה וואָס

קומט איר, נאָר אין די הענט פון איר אייגענעם געניטן מייסטער, לאָזט זי זיך אַוועקשטעלן ווי אים וואויל געפעלט.

אַ פּאָעט דאַרף קאָנען באַענטפערן אַלץ, וואָס מ׳קאָן ביי אים אָנפרעגן וועגן זיין אייגן ליד, אַפילו ווען ער פאַרגעסט דעם אָנשטויס, דעם מאָמענט פון ליד־געבורט. ער טראָגט פולע אחריות פאַר יעדער וואָרט, פאַר יעדער גראַם, פאַר יעדער בילד, פאַר יעדער ניי־געשאַפענעם קנייטש. אַפילו ווען דער פּאָעט זאָל פאַרגעסן דעם טייטש פון זיין ליד — און דאָס קאָן געשען — מוז ער זיין אימשטאַנד צו באַרעכטיקן יעדער שורה, אידער זי האָט זיך צוזאַמענגעטייטשט מיט אַלע אַנדערע שורות און ס׳איז פון זיי געוואָרן אַ ליד, וואָס האָט געקראָגן דעם פולן טייטש פון — מייסטערשאַפט.

אַקוראַט אַזוי שווער איז עס, ווי ס׳איז דאָ געשריבן געוואָרן. ס׳רעדט זיך וועגן די לידער וואָס ווערן געבוירן פון אייגענער אינספּיראַציע. מ׳רעדט געוויינלעך פון פּלאַגיאַט, אָבער פּלאַגיאַט מיינט נישט נאָר נעמען דירעקט יענעמס שורות, נאָר עס מיינט אויך נעמען יענעמס צאַפּל, יענעמס פלאַטער. פון אַזאַ פלאַגיאַט מוז געבוירן ווערן אַ ליד, אַ פאַרזעעניש. די גרויסע אַנטאָלאָגיעס פון וועלט־פּאָעזיע, אַפילו די באַרימטסטע פון זיי, פאַרמאָגן נישט קיין סך ערלעכע, אויטענטישע און אינדיווידועלע לידער. פאַראַן אַ גרויסע צאָל בציבורדיקע לידער, אָבער ווייניק אינדיווידועלע פּאָעטן.

אַן אמתער פּאָעט מעג זיך וועלן איזאָלירן באַוואוסטזיניק פון זיין צייט און שרייבן לידער אין גייסט פון אַ פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, אָבער ס׳וועט אים קיינמאָל נישט געלינגען זיך אָפּצופרעמדן פון זיך, דערפאַר וועט עס שוין ממילא זיין פון דער צייט, וואָס אין איר לעבט דער פּאָעט. אַ פּאָעט קאָן זיך קיינמאָל נישט ריכטיק „שמד׳ן“, אויב ער שרייבט נאָר אין זיין פאָלקס לשון, ווי ער זאָל נישט וועלן זוכן זיך אָפּצוזינגען פון זיין פאָלק. פונדאַנען איז געדרונגען אַז פּאָעזיע איז דער העכסטער אמת פון אַלע צייטן, איבער אַלע צייטן.

ס׳איז נישט דער אמת וואָס ליגט גלייך אויפן אויבערפלאַך, אין דעם גרייטן גראַם און אין פאָלקסטימלעכן פּלאַגיאַט, ווייל קיין פאַרמעגן ווערט אַזוי נישט באַגנבעט ווי די פאָלקסטימלעכקייט, די פרומע קו, וואָס לאָזט זיך מעלקן. אמתע פּאָעזיע נעמט טאַקע ביים פאָלק, אָבער גיט צוריק נייע, אייגענע איבערגעשאַפענע שיינקייטן.

*

## אויסגעזונגען...

מלך ראַוויטש

(נעמט עס נישט ווערטערלעך. אַראָפּזינגען זיך אַביסל פון האַרץ — באַרואיקט, דערפאַר האָב איך דאָס ליד געשריבן...)

אויסגעזונגען זיינען אַלע מיינע לידער שוין,
זיי ליגן,
ווי די בלעטער, די געפאַלענע אין האַרבסט,
אונטער די פיס, וואָס גייען שוין אַוועק, אַוועק — און ליגן אַנטשוויגן.

אויסגעגלויבטע זיינען אַלע מיינע גלויבנס שוין,
און דאָך — זיי וואַרטן,
אפשר וועל איך איינמאָל, פון רחמנות, אויפהויבן נאָך איינעם כאָטש,
צודריקן צום לעבעדיקן האַרץ, דעם — הונדערט מאָל שוין אָפּגענאַרטן.



געזונקען זיינען אַלע מיינע שיפן שוין, זיי ליגן
אויף דנאָען
פון אַלע זיבן ימען פון דער גרויסער, קיילעכדיקער ערד.
אַפילו איך אַליין קען זיי נישט געפינען מער, אונטער די זיבן
וואַסער־שפיגל־בלאָען.

אויסגעקעמפטע זיינען אַלע מיינע קאַמפן שוין,
די שונאים
זיצן מיט די פריינט ביי אַ מסיבה שטיל, קוקן זיך אין פנים
און טראַכטן: הבל הבלים — אַלע זיינען מיר געווען נאַראָנים.

אויסגעלעבט איז אייגנטלעך דאָס גאַנצע לעבן שוין,
געבליבן
אַ ליכטשטראַל איז אַ לעצטער נאָך, אַז געווען איז עס אַ גלגול
נאָר; איינער
פון גלגולים זיבנטויזנט, זיבנהונדערט, זיבעציק און זיבן.

און דאָס לעצטע נאָך און נאָך אַמאָל: אויסגעזונגען זיינען טאַקע
אַלע לידער שוין,
זיי ליגן,
ווי די בלעטער, די געפאַלענע אין האַרבסט, און אויך דאָס ליד
איז אַזאַ מין ליד,
איז לייג־זשע דיך אויך דו צו פיסן מיר, דו ליד, דו לעצט, און
ווער אויך דו אַנטשוויגן.

*

י. באַשעוויס

## ווען דער רעאַליזם פאַרשטעלט דעם וועג צום אמת

(אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן דעם גורל פון „איזמען“ אין דער ליטעראַטור)

ביי שרייבער איז אָפט פאַראַן דאָס געפיל אַז וויפל זיי זאָגן נישט אין זייערע ווערק, באַהאַלטן זיי נאָך מער. יעדער שרייבער האַלט אַז ער איז אַ מגלה טפח און אַ מכסה טפחיים. אָבער וואָס איז די סיבה פון דער דאָזיקער ליטעראַרישער צניעות? און אויב זי איז אַן אילוזיע, — פון וואַנען נעמט זי זיך?

ס׳איז דאָ סיבות סיי פאַר דעם עצם פאַקט און סיי פאַר דער איינרעדעניש. ערשטנס זיינען אין אַלע עפּאָכן פאַראַן שרייבערישע טאַבוס. די געשיכטע פון ליטעראַטור איז אַ געשיכטע פון אַ ליטעראַרישן שולחן ערוך מיט אומצאָליקע דינים, איסורים און חומראס. נישט געקוקט דערויף וואָס די לעצטע הונדערט יאָר זיינען אַן עפּאָכע פון ליטעראַרישן קלות ראש, פון אָפּשאָקלען פון זיך אַלערליי ליטעראַרישע טראַדיציעס און דינים, איז נאָך די ליטעראַטור ווייט נישט פריי. ס׳עקזיסטירט נאָך אַלץ דער פאַרבאָט פון פּאָרנאָגראַפיע, כאָטש קיינער ווייסט מער נישט גענוי די גרענעץ און די דעפיניציע. ס׳זיינען פאַראַן איינגעשטעלטע געוואוינהייטן, למשל: אַ ראָמאַן

מוז אַנטהאַלטן אַ ליבע; אַ פיעסע מוז זיין פון אַזאַ לענג און נישט אַ סך מער אָדער ווייניקער. נישט געקוקט אויף אַלע פרייהייטן וואָס בונטאַרישע שרייבער נעמען זיך, זיינען זיי מוראדיק פאַרשקלאַפט צום נוסח פון דער צייט. די נאָכטועריי איז אַ מעכטיקער כוח אין דער גייסטיקער וועלט פונקט ווי אין דער וועלט פון מאָדעס. די אַזוי־גערופענע ליטעראַרישע רעוואָלוציעס זיינען אָפט לעכערלעך קאָנסערוואַטיוו.

איינע פון די גרעסטע מוראס וואָס צוימען דעם שרייבער, איז די מורא נישט צו זיין מעלאָדראַמאַטיש; דער פחד פאַרן פאָרוואורף אַז ער איז אַן אויסטראַכטער, נישט איבערצייגנדיק. דער רעאַליזם וואָס האָט געזאָלט באַרייכערן די ליטעראַטור, האָט זי אין אַ זין פאַראָרעמט דערמיט וואָס ער האָט באַשטימט באַלד פון אָנהויב אַז דאָס רעאַלע און דאָס דורכשניטלעכע זיינען אידענטיש. דער נייעס־רעפּאָרטער דערציילט טאָג־איין, טאָג־אויס פאַקטן וואָס די ליטעראַטור דערוועגט זיך נישט צו זיי צוצורירן, ווייל זיי זיינען צו אויסטערליש, צו אומגלויבלעך. די אידייע אַז דער שרייבער מוז געבן אַזויפיל סימנים און וואָרצייכנס ביז די פאַקטן זיינע זאָלן פאָרקומען וואַרשיינלעך, געוויינלעך, — האָט אויסגעשלאָסן פון דער ליטעראַטור אַלדאָס אויסנאַמלעכע, יעדן קאַפריז פון דער מענטשלעכער אינדיווידואַליטעט, יעדן איינצלפאַל. אָט לייען איך די נייעס פון טאָג: אַ יונגערמאַן האָט געקידנעפּט אַ מיידל און זי געהאַלטן זעקס חדשים אין אַ הייל, זי זאָל אים צוהעלפן שרייבן אַ ווערק. דער רעפּאָרטער גיט איבער די נעמען, די דאַטעס, און דערמיט איז ער יוצא. אָבער וואָס וואָלט אַ רעאַליסטישער שרייבער געמוזט טאָן צוצוגרייטן אַזאַ סאָרט טעמע? ער וואָלט זי געמוזט אונטערבעטן מיט טויזנטער פאַקטן און פסיכאָלאָגישע מאָמענטן און אין לעצטן סך־הכל וואָלטן אַלע קריטיקער געזאָגט אַז דאָס איז אַ מעלאָדראַמע, אַ צוטראַכטעניש, כאָטש אַלע ווייסן שוין אַז דאָס לעבן איז מער מעלאָדראַמאַטיש פון אַלע מעלאָדראַמעס. יאָ, דורך אָפּוואַרפן די אומגעוויינלעכע טעמע האָט די ליטעראַטור זיך אַריינגעטריבן אין אַ טעמפּן ווינקל. מ׳געפינט היינט אין די צייטונגען און אין די ביכער פון פסיכאָ־אַנאַליטיקער און סעקסאָלאָגן אָן אַ שיעור נייע און אינטערעסאַנטע פאַקטן וועגן דער מענטשלעכער נשמה און דער מענטשלעכער אויפפירונג, בעת די ליטעראַטור פרוּווט נאָך אַלץ „איבערצייגן” אַז אַ מאַן קאָן זיך פאַרליבן אין יענעמס ווייב... די אַזוי־גערופענע רעאַליסטישע ליטעראַטור שטעלט מיט זיך פאָר אַן אומאויפהערלעכע איבערחזרונג און וואַריאירונג פון „מאַדאַם באָוואַרי”.

אָבער מוז אַ שרייבער ווירקלעך איבערצייגן דעם לייענער (אין דעם געוויינלעכן זין פון וואָרט)? די גרעסטע ווערק אין דער וועלט־ליטעראַטור האָבן נישט געמאַכט קיין שום אָנשטרענגונג איבערצוצייגן דעם לייענער. זיינען די געשיכטעס פון תנ״ך איבערצייגנדיק אין רעאַליסטישן זין? איז דאַנטעס גיהנום איבערצייגנדיק? אין לעצטן סך־הכל איז דאָס געבאָט איבערצוצייגן דעם לייענער נישט מער ווי אַ פאַרענטפערונג פאַר באַריידעוודיקייט. עס צוימט דעם שרייבער און פאַראַליזירט אים. דער דאָזיקער פחד איז היינט צו טאָג די הויפּט־סיבה פאַרוואָס דער שרייבער קאָן זיך נישט אינגאַנצן אַרויסזאָגן. ער איז פון פאָראויס צוגעשפּאַנט צו דעם אַלטעגלעכן, בעת דער אַלטאָג אַליין שעמט זיך נישט צו פּראָדוצירן וואונדערלעכע מיסטעריעס. מען מוז זאָגן אַז די מאָלער און סקולפּטאָרן זיינען אין אַ זין מוטיקער פון די שרייבער. ביי זיי האָט זיך דאָס עקספּערימענטאַלע אָנגענומען (כאָטש איבערפלעכלעך). זיי באַקעמפן טיילווייז דעם פאַרלאַנג פון עולם



פאַר פאָטאָגראַפיע און קאָפּיע, בעת אין דער ליטעראַטור ווערן קיין געראָטענע עקספּערימענטן כמעט נישט געמאַכט. די פרוּוון פון די דאַדאַאיסטן, פוטוריסטן, סור־רעאַליסטן און ווי זיי זאָלן זיך נישט רופן, האָבן זיך קיינמאָל נישט איינגעגעבן, ווייל זיי האָבן זיך הויפּטזעכלעך אָפּגעגעבן מיט צונויפשלעפּן ווערטער און באַגריפן וואָס האָבן נישט צווישן זיך קיין שייכות. אָנשטאָט צו זיין אינטערעסאַנט און פיקאַנט — ווי דאָס לעבן אַליין איז אַזוי אָפט — זיינען זיי אַוועק אין דער לאַנגווייליקייט.

אויב ס׳דאַרף אַנטשטיין אַ נייער רעאַליזם — אָדער רופט אים ווי איר ווילט — דאַרף ער גיין אין דער ריכטונג פון דער צייטונג־כראָניק, פון די ביזאַרע פאַלן וואָס ווערן געגעבן אין די ווערק פון פסיכיאַטריע, פסיכאָאַנאַליז, סעקסאָלאָגיע, קרימינאָלאָגיע, אָקולטיזם. צו קאָנען דערציילן די סאַמע אויסטערלישסטע פאַקטן, מוז דער שרייבער מאַכן אַ סוף צו דעם מעטאָד פון נאַטוראַליסטישן אונטערבעטעכץ און פון רעאַליסטישן התנצלות המחבר. ער מוז אָפּטאָן פון זיך דעם ווילדן פחד פאַר מעלאָדראַמע און אויסטראַכטעניש.

ווי גרויס ס׳איז דער דאָזיקער פחד קאָן באַווייזן דער פאַקט וואָס קאַפקאַ האָט איבערגעלאָזט אַ צוואה מ׳זאָל פאַרברענען זיינע ווערק. ער האָט זיך געשראָקן פאַר דער קריטיק אפילו נאָכן טויט. ביז היינט צו טאָג וואַרפן אַ ריי אַמעריקאַנער קריטיקער שמוץ אויף עדגאַר אַלאַן פאָ און באַצייכענען אים ווי אַ שונדיסט.

קורץ, ווי לאַנג צייטונגס־כראָניק, פאַלן אין מעדיצינישע ווערק וועלן זיין אינטערעסאַנטער און רייכער אין פאַסירונג און אין אינדיווידואַליטעט ווי די בעלעטריסטיק, וועט די ליטעראַטור בלייבן הינטערשטעליק און דער שרייבער וועט זיך פילן געצוימט און אַנטוישט אין זיינע אייגענע באַמיאונגען. צו די גרויסע אינהיביציעס פון אונזער צייט געהערן די שרעק פאַר קרענקלעכקייט און פאַר מעלאָדראַמע. דער מחבר פון „דעקאַמעראָן” איז געווען פריי פון ביידע און דעריבער וועט מען לייענען דאָס דאָזיקע ווערק לאַנג נאָכדעם ווי די מאָדערנע רעאַליסטישע ווערק וועלן זיין פאַרגעסן.

פאַראַן נאָך אַ דריטע פאָביע פאַר דעם היינטיקן שרייבער: די מורא פאַר מיסטיציזם. מיסטיק איז מעלאָדראַמאַטיש און אָפט אפילו „פאָרנאָגראַפיש”. די זשורנאַלן פון די ספּיריטיסטן און אָקולטיסטן פון אַלערליי סאָרטן זיינען פול מיט די סאַמע מערקווירדיקסטע און טיפסטע טעמעס, אָבער די ליטעראַטור וויכט פון זיי. דאָס מיסטישע איז טריף. דאָרט וואו שרייבער נעמען זיך יאָ צו אַ מיסטישער טעמע, פרוּוון זיי זיין איבערצייגנדיק, ד. ה. זיי פאַרוואַסערן זי אַזוי מיט ראַציאָנאַליזם און מיט וואָכעדיקייט ביז זי פאַרלירט דעם כוח און דעם זין. דער אמת איז אַז אַ שרייבער וואָס אַנטלויפט פון דעם איראַציאָנאַלן אַנטלויפט פון רעאַליזם אין ריכטיקן זין פון וואָרט. ס׳איז געווען אַ צייט ווען מ׳האָט אין דער מאַטעמאַטיק באַקעמפט די איראַציאָנעלע און אימאַגינערע צאָל. היינט לערנט מען דאָס קינדער אין די שולן. קיינער וועט מער נישט אויסלאַכן די נישט־עוקלידישע געאָמעטריע אָדער די פערטע דימענזיע. מען קאָן דרייסט זאָגן אַז אויף קיין שום געביט איז דער שעפער נישט אַזוי צוריקגעשטאַנען ווי אין דער ליטעראַטור. דער שרייבער איז אָפט אַ געפערלעכער פחדן. די קריטיק שטייט איבער אים שטענדיק גרייט מיט אַ האַק. דער היינטיקער מאַסן־לייענער האָט אַן איינגעבוירענעם ווידערווילן צו אַלץ וואָס קלינגט אים נישט היימיש און טאָגטעגלעך. אויב ער וויל שוין אַ „מיסטעריע”, דאַרף זיך דאָס דרייען אַרום

אַ מאָרד. די וויסנשאַפטלעכע בעלעטריסטיק איז אויך אַוועק אויף אַ פאַלשן וועג אין דעם זין וואָס זי איז נישט און קאָן נישט זיין אינטערעסאַנט. זי האָט איינפאַך נישט דעם פרוכטבאַרן באָדן וואָס עס האָט די צייטונג־כראָניק, די פסיכאָפאַטאָלאָגיע און דער מיסטיציזם אין אַלע זיינע פאָרמען.

דאָס איז די אָביעקטיווע סיבה פאַרוואָס דער היינטיקער שרייבער פילט זיך געצווימט. עס איז אַ ווירקלעכע צוים, ווירקלעכע קייטן, אַ ווירקלעך טעמפער ווינקל וואו דאָס שעפערישע ווערט אָפט דערוואָרגן. ווי לאַנג שרייבער וועלן מורא האָבן צו זיין „אויסגעלאַסן", מעלאָדראַמאַטיש, „קרענקלעך", מיסטיש, — וועלן זיי נישט קאָנען אַרויסברענגען אפילו דאָס ביסל וואָס זיי פאַרמאָגן.

דאָס סוביעקטיווע געפיל פון נישט־דערזאָגטקייט קומט דערפון וואָס ס׳פעלן איינפאַך אין דער שפראַך און אין אַלע אַנדערע קינסטלערישע מעדיומס די מיטלען און מעטאָדן איבערצוגעבן אינדיווידואַליטעט. ווי אינדיווידועל דער העלד זאָל נישט אַרויסקומען, פילט דאָך דער שרייבער — און אָפט אויך דער לייענער — אַז עיקר חסר מן הספר. די ווערטער וואָס דער דערציילער באַנוצט, זיינען רייך אין אומפאַנג אָבער אָרעם אין אינהאַלט. ווערטער זיינען אַלעמאָל געוועזן וואולגאַר און וואָס לענגער מען נוצט זיי, אַלץ וואולגאַריזירטער ווערן זיי. מיר פילן אָפט אַז מיר זיינען פאַרמשפט צו פאַרשווייגן דאָס סאַמע וויכטיקסטע. איך באַצייכן דאָס דאָזיקע געפיל ווי סוביעקטיוו דערפאַר ווייל אָפט נאַרט זיך דער שעפער אויך אין באַצוג צו זיין אינדיווידואַליטעט. פיל המונישע מענטשן האָבן די איינרעדעניש אַז זיי זיינען געוואַלדיקע אינדיווידואַליסטן און אויב זיי וואָלטן געקאָנט ריכטיק דערציילן וואָס זיי לעבן־איבער, וואָלט די וועלט דערפון אויפגעשטורעמט. פאַקטיש איז דער סאָרט אינדיווידואַליטעט וואָס קאָן אינטערעסירן אַנדערע מענטשן, אַזוי זעלטן ווי טאַלענט, ווי אמתע פערזענלעכקייטן. דאָס געפיל אַז מיר האָבן אַ סך וואָס צו זאָגן איז אָפט ריכטיק און אָפט נישט מער ווי אַן איינרעדעניש, אַ גוטער וואונטש, אַ שטיק עגאָאיזם און מעגאַלאָמאַניע.

דער טרויעריקער אמת איז אַז די מערסטע שרייבער — דער דורכשניטלעכער שרייבער — האָט גאָרנישט צו זאָגן אַזוינס וואָס אַנדערע קאָנען דערפון געווינען. אַ מינימום אָריגינאַליטעט איז פאַראַן אין יעדן מענטש, אָבער אָט דער מינימום איז נישט גענוג אָנצוצינדן אַ צווייטע פאַנטאַזיע, צו געבן עמעצן אַן עסטעטישן גענוס. מיט אַנדערע ווערטער: ווען עס וואָלטן אפילו עקזיסטירט די מיטלען און מעטאָדן אויסצודריקן דעם מאַקסימום אינדיווידואַליטעט, וואָלטן נאָך אַלץ די מערסטע שרייבער געבליבן גרוי און לאַנגווייליק.

די דאָזיקע איינרעדעניש טרייבט אַ ריי שרייבער צו פאָרמאַליזם, צו זוכן אין הוילע קאָמבינאַציעס און אַסאָציאַציעס פון ווערטער דאָס וואָס עס פעלט זיי אין גייסט. דעריבער זיינען די מערסטע מאָדערניסטישע שטרעמונגען אַזוי ביטער דורכגעפאַלן. די דאָזיקע שטרעמונגען האָבן כמעט אַלע געטראָגן אַ המונישן כאַראַקטער. די רעוואָלוציעס האָבן גלייך געבראַכט מיט זיך שאַבלאָנען און קלישעען. די רעוואָלוציע איז באַלד געוועזן, קאָן מען זאָגן, איינגעהילט אין קאָנטער־רעוואָלוציע. אין אונזער צייט האָט דער סאָוועטישער ליטעראַרישער אויפברויז געבוירן אַ מויז און איז באַלד אַריבער אָן שום ווידערשטאַנד צום אויסגעדראָשענעם נאַטוראַליזם.

די כוחות וואָס שטרעבן צו קינסטלערישער פרייהייט ווערן באַלאַנסירט



אין יעדן דור, אין יעדער עפאָכע, מיט כוחות וואָס בויען באַוואוסטזיניק, און נאָך מער אונטערבאַוואוסטזיניק, ליטעראַרישע צוימען און שטייפע נוסחאות וואָס איינצלנע טאַלענטן מוזן שפעטער ברעכן. דעריבער קאָנען נישט זיין קיין ענדגילטיקע און דויערנדיקע קינסטלערישע רעוואָלוציעס. ווי נאָר איינצלנע באַן־ברעכער באַווייזן אויפצוברעכן אַ גדר, ווערט דער דאָזיקער ברוך אַליין ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט אין אַ צוים, אַ געוואוינהייט און אַן אינהיביציע וואָס אַ שפעטערדיקער שעפער וועט מוזן בייקומען און באַזיגן. רעאַליזם אין דער ליטעראַטור האָט אַמאָל פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ דרייסטע איבערקערעניש. דאָס מעלאָדראַמאַטישע און סענסאַציאָנעלע איז אַמאָל געווען אין דער מאָדע. ווי אין דעם סאָציאַלן, ווערט אין דער ליטעראַטור יעדע טעזע פאַרוואַנדלט אין אַן אַנטי־טעזע. עס האָט נישט צו טאָן מיט העגעליאַניזם אָדער מיט מאַרקסיזם, נאָר מיט דער נאַטור פון עפיגאָנען צו דערפירן יעדע אינסטיטוציע צום אַבסורד. אפילו דער מיסטיציזם ווערט באַנאַל ווען ער פאַלט אַריין אין די הענט פון נאָכמאַכער.

עס קאָן נישט קומען קיין צייט ווען שעפער וועלן נישט זיין אַרומגערינגלט מיט צוימען און מיט אַ קאָדעקס פון פאָראורטיילן. עס קאָן אויך נישט קומען קיין צייט ווען קינסטלער וועלן אויפהערן ברעכן די דאָזיקע צוימען, אָדער אַמווייניקסטן האָבן די באַדערפעניש דערצו. אַ סאָוועטישער מאָלער וואָס חלומט פטור צו ווערן פון דאָרטיקן נאַטוראַליסטישן צוואַנג און אַן אַמעריקאַנער מאָלער וואָס וויל זיך אַרויסרייסן פון דער מאָדע פון דער נישט־אָביעקטיווער קונסט, ווערן ביידע געטריבן דורך דעם זעלבן קינסטלערישן דראַנג צו זיין אַ פורץ גדר. אַמווייניקסטן אין דער קונסט איז די פערמאַנענטע רעוואָלוציע נישט קיין אוממעגלעכקייט, נאָר אַ פאַקטישער פראָצעס. אמתע קונסט טראָגט דעריבער אַלעמאָל דעם חותם פון צו־להכעיסדיקייט, פון אָפטאָן עמעצן אויף צעפיקעניש. אין מאָמענט ווען דער קינסטלער זיגט און די מאַסע מאַכט מיט אים שלום, מוז ער אָנהויבן זוכן אַ נייעם „צו־להכעיס" אויב ער וויל נישט זיין דער קרבן פון זיין אייגענעם נצחון...

אין דער קונסט, ווי אין דער הויז־ווירטשאַפט, קאָן מען נישט מאַכן קיין ענדגילטיקע רייניקונגען. צוויי שעה נאָכדעם ווי מ׳האָט אָפגעוואַשן דאָס געפעס, מוז מען עס שוין ווידער וואַשן. יעדער „איזם" בלייבט פריש און נוצלעך אַ שטיקל צייט פאַר אַ קליינער צאָל טאַלענטן. באַלד דערנאָך איז ער שוין אַ שטערונג און אַ שטרויכלשטיין, וואָס מען מוז מוז אָפרוימען. אין דער איצטיקער פאַזע פון דער ליטעראַטור־געשיכטע איז דער רעאַליזם געוואָרן אַ מיספאַרשטענדעניש און אַן אָפגעריבענע מטבע. עס מוז קומען אַ ליטעראַרישער סטיל וואָס זאָל זיך נישט שרעקן פאַר דעם איינמאָליקן, דעם אומגלויבלעכן, דעם קראַנקן און אפילו דעם סענסאַציאָנעלן. ספעציעל דאַרף מען לייגן געוויכט אויף דעם איינמאָליקן, ווייל יעדע רעליגיעזע אַנטפלעקונג און אָקולטיסטישע דערשיינונג איז איינמאָליק. אין אַ געוויסן זין איז אַלדאָס לעבעדיקע איינמאָליק און איינצלפאַליק. דאָס דורכשניטלעכע קאָן מיט זיך פאָרשטעלן אַן אַריטמעטישע מעטאָדע, אָבער עס איז דורכאויס פאַלש פון קינסטלערישן שטאַנדפונקט. דאָס אַלטעגלעכע עקזיסטירט אפילו נישט קיין איין טאָג. עס איז באַלד פון אָנהויב אַ ליגן.

* * *

די בעלעטריסטישע פראָזע פון דער נאָענטער צוקונפט וועט זיין, גלויב איך, סענסאַציאָנעל אין דעם זין וואָס זי וועט אויפהערן זיך שרעקן פאַר די קאַפריזן און פלאָנטערן פון דער מענטשלעכער נשמה און פון דער מענטש־

לעכער אויפֿפֿירונג. עס וועט זיך אומקערן אין דעם בית מדרש פֿון דער ליטעראַטור דער חידוש. די ליטעראַטור וועט ווענדן איר פּנים צום אויסנאָם, נישט צום כלל; זי וועט אַלץ מער און מער באַנעמען אַז זי דאַרף אַרויסברענגען דאָס אויסטערלישע, דאָס פּערווערזע, דאָס פֿאַנטאַסטישע. די ליטעראַטור וועט מוזן מאַכן אַן עק צו אירע פּעדאַגאָגישע געוואוינהייטן, די שוואַכקייט מסביר צו זיין אָדער צו צעקייען פֿאַרן לייענער יעדן האַרטן ביסן. וואָס שייך סטיל, גלויב איך, אַז דער קיצור וועט פֿאַרנעמען דאָס אָרט פֿון דער היינטיקער אריכות. דער ראָמאַן פֿון דער צוקונפֿט וועט אפשר זיין נישט גרעסער ווי אַ היינטיקע דערציילונג. די קורצע דערציילונג וועט ווערן נאָך קירצער און קאָמפּאַקטער. אַ פּיעסע וועט אפשר באַשטיין פֿון אַ ריי סצענעס וואָס וועלן זיין אומאָפּהענגיק איינע פֿון דער אַנדערער. דראַמאַטורגן וועלן אויפֿהערן „אַנטוויקלען” די העלדן זייערע און די סיטואַציע וואָס ווערן אָפּט סיי ווי קלאָר באַלד ביים ערשטן אַרויסטריט. אַנשטאָט צו זיין אַ קאָמענטאַטאָר און אַ מפרש פֿון זאַכן וואָס נויטיקן זיך נישט אין קיין פּירוש (אויב דער לייענער האָט די ריכטיקע צוגרייטונג), וועט דער שרייבער זיך הויפּטזעכלעך אָפּגעבן מיט פֿאַקטן, מיט בילדער. מ׳קאָן עס אפילו אָנרופֿן כראָניק, — דרויסנדיקע כראָניק און פּסיכישע כראָניק.

*

חיים גראַדע

# עמוד־האש, וואָס איז געבליבן ברענען נאָך מיין רבין

(צום אָנדענק פֿון חזון־איש)

עמוד־האש, וואָס איז געבליבן ברענען נאָך מיין רבין,
דו ליכט־זייל, וואָס האָט אויפֿגעשיינט אין פֿרילינג פֿון מיין לעבן,
באַשענק מיך אויך אין אָסיען מיטן אָפּשיין פֿון דיין קדושה,
אפֿילו אויב איך האָב דיין אָנגעזיכט באַדעקט מיט בושה.
איך זע דיך נאָך פֿאַרזונקען שטיין אין שמונה־עשרהס שטילע,
ווי נאָך ביז איצט וואָלסטו פֿאַר מיר געבעטן אין דיין תפֿילה.
ניט לאָז מיין לעבן ליגן נאַקעט אויף אַ וויסטן באָדן,
אפֿילו ווען ס׳איז מיר אַליין מיין לעבן ניט קיין שאָדן.

פֿון בענקשאַפֿט גיי איך אויס בעת איך הייב זיך אָן דערמאָנען
ווי מיך האָט אויך באַגלייט אַ גינציקער עמוד־הענן —
דער וואָלקן וואו מיין מאַמעס טרערן האָבן זיך געזאַמלט,
ווען זי האָט אויף מיין קאָפּ באַהאַרצטע תחינה־רייד געשטאַמלט.
דער וואָלקן־זייל האָט מיך באַשיצט פֿון שטיינער און פֿון פֿיילן,
און שיין איז ער געווען — דער שענסטער צווישן מאַרמאָר־זיילן!
אפֿילו ווען דער פֿייער־זייל האָט זיך פֿון מיר דערווייטערט,
האָט מיך דער וואָלקן צוגעדעקט מיט טרערן און געלייטערט.

אין טויט־געפֿאַר און וואַנדער, אין אַן אומהיימלעכער געגנט,
דאָרט האָבן מיינע ביידע שכינה־זיילן זיך באַגעגנט,
ווי דעמאָלט ווען דער רבי האָט געלאָזט מיין מאַמען רופֿן



און איר דערציילט: איר זון איז פֿון דער זונשיין בגילופֿין.
פֿאַרשטעלט האָט זיך אין פֿייגל זיין געשייטער יצר־הרע,
דער וואַלד האָט אים פֿאַרכישופֿט און פֿאַרפֿירט פֿון דער גמרא.
די וועלט איז אים אַ שטרויכלונג, און די ביכער — אַ נסיון,
און ווילד איז ער פֿון גלוסטונג אין די זומער־נעכט וואָס בלויען.

די מאַמע האָט געוויינט פֿאַרשעמט, דער רבי האָט געצאָרנט.
בחינם האָבן ביידע מיך געלערנט און געוואָרנט.
איך האָב געבלאָנדזשעט ביז מיין יוגנט האָט זיך ראָש פֿאַרענדיקט,
און די באַשיצער מיינע קומען שוין צו מיר ניט שטענדיק.
דער וואָלקן־זייל האָט ביסלעכוויז זיך אויפֿגעהערט באַווייזן,
צו־אַלט בין איך, אַ מאַמע זאָל נאָך אויף מיין פֿוס־טריט שפּרייזן,
צו־לאַנג האָב איך באַמיט זי און געלעבט אין אירע זכותים;
דער ליכט־זייל אָבער ווייזט זיך נאָך און איך גיי נאָך אין פֿוס אים.

עמוד־האש! פֿאַראויסגייער אין מדבר פֿון מיין בלאָנקען!
ווייל איך האָב מיט מיין האַרץ און כשרון זיך אַוועקגעשאָנקען
צו אויסזינגען דאָס ליד פֿון אָרעמען און פֿרומען ציבור —
דערלייז מיך פֿון דעם מדבר אין מיין האַרץ און פֿון זיין פֿיבער.
כאָטש איך האָב ניט דער תורה אָפּגעגעבן מיינע כוחות,
האָב איך פֿאַרריכט מיט גינגאָלד איר צעריסענעם פּרוכת.
אָ, העלף מיר אין דעם זכות וואָס איך בין דער מחיה־מתים
פֿון דיינע מיט־דאַוונער אין די צעפֿאַלענע טליתים.

איך וויים, איך וואָלט אַליין באַדאַרפֿט שוין זיין אַ מורה־דרך.
נאָר צו אַ וויסטן דור וואָס האָט קיין נאָכוואוקס ניט געהער איך.
צו שפּעט בין איך געקומען; אָבער איך האָב ניט פֿאַרשפּעטיקט
דעם טאָג פֿון גזר, וואָס האָט אויך מיך מיט טרערן אָנגעזעטיקט.
דערצאָרנט, קראַנק פֿון בענקשאַפֿט, האָב איך ווידער אָנגעהויבן,
נאָר ניט מיט דיין הכנעה, דיין בטחון און דיין גלויבן.
פֿון דיין געשטאַלט האָט אויסגעוויקלט זיך אַ זייל פֿון פֿייער,
און איך האָב אויסגעפֿלאַקערט ווי אַ ברענענדיקער שייער.

ווען איך האָב דיך דערקענט, ביסטו געווען אין יאָרן אינגער
ווי איך בין איצט, דיין טרויעריקער תלמיד און באַזינגער.
דערפֿאַר וואָס איך האָב זיך מיט איינמאָל יונג־זיין ניט באַגנוגנט,
קען איך זיך ניט אַרויסרייסן ביז איצטער פֿון מיין יוגנט.
אַראָפּגעגנידערט האָבן שוין אויף מיר אַזוי פֿיל שלאַקסן,
דאָך בין איך צו מיין גרויען עלטער אַלץ נאָך ניט דערוואַקסן.
אפֿילו מיין פֿאַרשקלאַפֿטע טריישאַפֿט צו אַ טרוים אַן אַלטן
האָט מיך פֿאַרפֿירט צו אַלטע זינד און אַלטע שטראָף־געשטאַלטן.

אין לאַנגע ווינטער־נעכט פֿון פֿאָסנע, אָרעמע שבתים,
האָסטו אַריינגעשעפּטשעט אין מיר, אַ בחורל אַ יתום,

אַז וואָרהאַפטיק און אמת איז אין לעבן בלויז די תורה,
נאָר מיך האָט ניט באַגליקט דיין טויזנט־יאָריקע מסורה.
האָסטו, דער הייליקער, געלעבט אין עיגול פון דער ריינקייט,
און איך האָב אין אַ טרוים געלעבט, אין שפּיגל פון דער שיינקייט.
אַ ליכט־זייל איז געוואָרן פון דיין אויסגעשטראַלטן עיגול,
און איך האָב מיינע הענט צעשניטן אין געפּלאַצטן שפּיגל.

ווי איך האָב אינגלווייז געבראַכט אין שטוב אַ טויב אין בוזעם,
בין איך אַרויס אין לעבן מיט באַפליגלטע חרוזים.
איך האָב געמיינט, אַז דיכטער גליען ווי פרימאָרגן־פאַרבן;
איצט ווייס איך: דיכטער זינגען ווייל זיי שרעקן זיך פאַר שטאַרבן.
איצט ווייס איך אויך, אַז דו, דער וואַלד־מתבודד און דער שווייגער,
האָסט ניט געהאַט מיין אומרו צו דער וועלט, מיין דאָרשט און נייגער,
ווייל דו ביסט פול געווען מיט פרייד אַריבער דיינע ברעגעס,
און ס'האָט קיין טויט־שרעק ניט באַטריבט אויך דיינע לעצטע רגעס.

פאַרגעסן קען איך ניט דיין וואָרט: „אַלץ קויפט מען אויס מיט שווייגן".

פאַרגעסן קען איך ניט דיין אָרט: אַ שאָטן אונטער צווייגן,
וואו דו, דיין ספר און דאָס ביימל האָבן אויסגעשוויגן
אַ ניגון; האָט די וועלט נאָך ניט געהערט אַזאַ מין ניגון!
אַ טיפע אָזערע אין בערג געווען איז דיין געוויסן,
האָסטו געקענט זיך אין דיין אייגענעם געדאַנק פאַרשליסן,
און אין דער פולקייט פון דיין האַרץ, אין פרישקייט פון דיין צניעות,
האָסטו געלעבט אין זיך מיט שטענדיק האַלב־פאַרמאַכטע ווייעס.

און איך — איך גיי אַרום מיט וועלפיש־הונגעריקע אויגן.
אַ האַלבע וועלט האָב איך שוין אין מיין בליק אַריינגעזויגן!
אַזוי פיל לאָמפּן־ליכט פון שטעט, דאָס בלוי און גרין פון ימען,
דאָס גאָלד פון זונשיין איבער שניי־בערג, בראָנדז פון ביימער־שטאַמען.

נאָר פאַלן מיד אַרונטער מיינע ברענענדיקע ווייעס,
פאַרלעשן גלייך זיך אַלע מיינע ליכטיקע נסיעות.
און בלויז דיין שמייכל — דיין נר־תמיד — לויכט מיר היימיש־אייגן,
בעת איך מוז זיך אין אַ וועלט אַ פרעמדער שלאָפן לייגן.

ווען איך האָב דיך פאַרלאָזט, ביסטו געבליבן מיין סניגור,
און נאָכגעזאָגט אַ שבח מיר מיט אַ משל אויף דיין שטייגער,
אַז וואָס איך זאָל ניט טאָן, איז מיין איך ערלעך אַז איך מוז עס,
כאָטש אָפּטמאָל קוש איך אַ פאַרפרומטער — פסולע מזוזות.
דער מענטש, האָסטו געזאָגט, איז אָפּטמאָל זינדיקן אַ בעלן,
ווייל ער, דער כלומרשט שטאָלצער מענטש, איז שטאַרק ביי זיך געפאַלן.



נאָר יענעם גראָד, וואָס פאַלט אויפסניי אין זעלבן שטיין און שטרויכל,
באַדאַרף מען מוחל זיין, ווייל ער איז זיך אַליין ניט מוחל.

אַזוי האָסטו גערעדט פון מיר, דעם מורד צווישן לערנער.
ס'איז וואָר. לאיבוד זיינען ניט געגאַנגען דיינע קערנער.
דערקענט האָב איך דעם אמת, כאָטש מיט דריי יאָרצענדלינג שפּעטער,
אַז יענער וואָס האָט איין גאָט, האָט ער מער ווי הונדערט געטער.
פאַרמשפּט האָב איך זיך אַליין אויף ענגע דלד אמות,
ווייל איך זיץ אַלץ נאָך אויף אַ שוועל מיט אידישלעכע מאַמעס,
ווייל מיין געמיט לעבט אַלץ נאָך אין געצעלט פון שם־ועבר,
און פון דער ווייטן, רבי, צי איך אויס זיך אויף דיין קבר.

*

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

# פרילינג־רויזן

(דערציילונג)

עליזאַבעט איז שטאָלץ געווען מיט איר שטעלע אין דער אַטעליע פון געהאָפטענע קליידער, וואו זי איז געווען די אָנפירערין. זי האָט אַריינגעשוועבט יעדן אינדערפרי אין דעם האַלב־קיילעכדיקן אויפנאַם־צימער און ער איז פול געוואָרן מיטן גערוך פון פרישע פרילינג־רויזן.

ווי עס פאַסט זיך פאַר אַ פלאַץ, וואו עס קומען אַריין רייכע באַשטעלערינס, איז עליזאַבעט שטענדיק געווען אָנגעטאָן ווי אויף אַ באַל, מיט אַ סאַמעטענער בלום ביים אַקסל. זי האָט גערעדט אַן אויסגעפיינערטן ענגליש, און אָפט האָט זי גענוצט אויסלענדישע ווערטער, פראַנצויזישע און איטאַליענישע, וואָס זי האָט אויסגעלייענט אין די מאָדע־זשורנאַלן און וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט פאַסאָן. דאָס שטאַרק אויסגעפאַרבטע פנים מיט די צונטער־רויטע ליפּן און די טונקל־אַרומגעשאָטנטע אויגן האָבן פאַרשטעלט איר עלטער, און עס איז שווער געווען צו זאָגן, צי זי איז אין די דרייסיקער, צי אין די פערציקער.

די העפטעריי איז געשטאַנען אונטער איר השגחה און זי האָט אַכטונג געגעבן אויף דער עכטקייט פון די קאָלירן און פינקטלעכקייט פון די אוזאָרן. אַז זי איז אין כעס געוואָרן אויף אַ העפטערקע, האָט זי אַריינגעוואָרפן עטלעכע ווערטער אויף אַ בעסאַראַבער אידיש און די ניט געראָטענע אַרבעט אָנגערופן „מאַמעליגע".

די העפטערקעס האָבן אונטער די אויגן זי גערופן „די מאַמעליגע בלום". זיי האָבן אויסגעמיטן ריידן צו איר. אַז עליזאַבעט קומט צו מיטן גערוך פון די פרילינג־רויזן אַרום איר, ווייזט מען איר די אַרבעט אָן רייד. זי גיט אַ פיר איבער דער העפטעריי מיט איר געפאַרבטן נאָגל וואָס גלאַנצט ווי אַ שפּיגעלע, און אויב די אַרבעט איז נישט „מאַמעליגע", זשאַלעוועט זי אַ גוט וואָרט און גייט אַוועק אָן לשון. גאַנץ אָפט קומט עליזאַבעט אין אַ זיידן קלייד. די זיידענע קליידער אירע שורשען, און אַז זי באַוועגט זיך רוישט איר קלייד „שאַ־שאַ־שאַ", ווי זי אַליין וואָלט אינגאַנצן געווען אַ שורשענדיקע ליאַלקע.

זומער אין די זונטיקס פאָרט זי אַרויס צום ים־ברעג זיך אָפּברענען אויף דער זון. זי טראָגט אַ זיידענעם באָד־קאָסטיום מיט אַ געהאָפטענעם זשאַקעטל, וואָס איז אַ צירונג פאַר איר און אַ רעקלאַמע פאַר דער אַטעליע. זי שטייט איין דעם טאָג אין אַ רייכן האָטעל, און די פרויען קומען צו צו איר און פרעגן וואו זי האָט געקראָגן אַזאַ שיינע באָד־אויסשטאַטונג. זי רופט זיי אָן דעם קאָסטיום מיט אַן אויסלענדישן נאָמען און די פרויען קוקן אויף איר מיט פאַרערונג. זי האָט ליב געהאַט די זונטיקס, די באַוואונדערונג אַרום איר, און איר עלעגאַנץ פון אַ רייכער דאַמע.

אין איינעם אַזאַ זונטיק, און עס איז גראָד געווען אַ הייסער טאָג, האָט עליזאַבעט געכאַפּט אַ פאַרקילונג אויפן ים־ברעג. זי האָט עס אָנגערופן „אַ הייסע פאַרקילונג". זי האָט געקראָגן אַ טרוקענעם הוסט און אַנטצונדענע אויגן־לעפלעך. זי איז געבליבן אינדערהיים אויף אויסליגן די פאַרקילונג. די אַטעליע האָט אָפּגעטעמט.

די אָנפירונג מיט דער אַרבעט אין אַטעליע האָט ציטווייליק איבערגענומען די באַלעבאָסטע אַליין, אַ פול־לייביקע פרוי, אַ ליטוואַטשקע, וואָס איז רייך געוואָרן פון העפטעריי. דאָס אויסגענייטע קלייד וואָס זי האָט געטראָגן האָט אויסגעזען אויף איר ווי אָן אַנטליענס. זי האָט גערעדט צו די באַשטעלערינס אָן אויסלענדישע ווערטער און צו די מיידלעך, די העפטערקעס, נאַכלעסיק און אָן טענות. די אַטעליע האָט אויסגעזען וואָכעדיקער אָן עליזאַבעט און דעם רויזן־גערוך וואָס האָט זיך געשפרייט אַרום איר.

די פאַרקילונג ביי עליזאַבעט האָט זיך פאַרצויגן. עס האָט זיך צוגעזעצט אַ הויט־קראַנקהייט אויף די אַנטצונדענע אויגן־לעפלעך. דער דאָקטער האָט איר ניט דערלויבט גיין צו דער אַרבעט.

עליזאַבעט איז וואָכן לאַנג געלעגן אַליין אין איר צימער. די מיידלעך פון אַטעליע האָבן איר געשיקט אַ בוקעט רויזן מיט אַ וואונטש־קאַרטל געזונט צו ווערן. די באַלעבאָסטע, די ליטוואַטשקע, האָט גערופן אויפן טעלעפאָן, זי האָט מורא געהאַט גיין מבקר חולה זיין, טאָמער איז די הויט־קראַנקייט אָנשטעקנדיק. דער בוקעט רויזן האָט אויסגעדויערט אַ וואָך צייט און איז פאַרוועלקט געוואָרן. בלויז צוויי רויזן האָט עליזאַבעט געראַטעוועט. זי האָט זיי פאַרטריקנט און באַהאַלטן אין אַ קאָנווערט צוזאַמען מיט דער וואונטש־קאַרטע פאַר אַן אָנדענק. זי האָט ליב געהאַט „סואווענירס".

אין עליזאַבעטס דירה פון דריי צימערן זיינען די שטולן געווען צוגעדעקט מיט געהאָפטענע סערוועטלעך, און אויף די ווענט זיינען געהאַנגען געשטיקטע באַפּוצונגען פון פאַרשיידענע קאָלירן. די וואוינונג איז געווען ענלעך צו עליזאַבעט אַליין — שטאַרק אויסגעפּוצט. אַפילו אַ סאַמעטענע בלום איז געווען צוגעטשעפּעט צום אַבאַזשור פון איר לאָמפּ אויפן טיש.

קראַנקערהייט פלעגט עליזאַבעט אַמאָל, אויס געוואוינהייט, אַ פיר טאָן מיט אַ פינגער איבער די געהאָפטענע סערוועטלעך און טאָמער זיי זיינען געווען ניט פערפעקט אויסגעאַרבעט, האָט זי שטיל געזאָגט „מאַמעליגע", ווי זי וואָלט נאָך געווען אין אַטעליע און דאָרט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט. נאָר זי האָט פון דער מבינות אירער איצט קיין הנאה ניט געהאַט. עס האָט איר געפעלט די געהאָרכזאַמקייט פון די מיידלעך, זייער אַראָפּגעלאָזטער בליק ווען זי נעמט אַוועק איר געשפיגלטן נאָגל פון זייער אַרבעט. עס האָט איר געפעלט די באַוואונדערונג פון דער באַלעבאָסטע, וואָס האָט איר אָפט געזאָגט מיט כיטרער תמימות: „עליזאַבעט, דו קענסט!"



געוויינלעך האָט עס די באַלעבאָסטע געזאָגט ווען עליזאַבעט האָט אָנגענומען אַ באַשטעלונג פאַר אַ הויכן פרייז, וואָס די באַלעבאָסטע אירע וואָלט ניט געוואָגט אויף די ליפּן אַרויפצוברענגען. עליזאַבעט האָט איבערראַשט די באַשטעלערינס מיט אַן אויסלענדישן נאָמען פון אַ באַרימטער פירמע, וואָס פונדאָרטן שטאַמט דער פאַסאָן. איר באַוואונדערונג־שמייכל איז געווען העכער פון יעדן פרייז, און דער גערוך פון די פרילינג־רויזן האָט אונטערגעשטראָכן דעם געוויכט פון דער אַטעליע. די באַלעבאָסטע האָט פונדערווייטן זיך צוגעהערט צו עליזאַבעטס אויסלענדישע רייד, האָט זיך געפרעגלט אין פאַרגעניגן, און האָט געלעקט די אונטערשטע ליפּ ווי זי זאָל זיין באַשמירט מיט שאָקאָלאַד. נאָך אַזאַ באַשטעלונג האָט זי געוויינלעך געזאָגט צו עליזאַבעט: „עליזאַבעט, דו קענסט!". עליזאַבעטס שורשענדיק קלייד האָט נאָך פייערלעכער גערוישט איבער דער אַטעליע: „שאַ־שאַ־שאַ", ווי עס וואָלט געפלויגן די בין־קעניגין איבערן בינשטאָק. דאָס אַלץ האָט איצט עליזאַבעטן געפעלט, און איר זאָג „מאַמעליגע" איז געפאַלן טויט און אָן ענטפער אויף די אויסגעפוצטע ווענט און דער קינסטלעכער סאַמעטענער בלום אויפן אַבאַזשור פון איר לאָמפּ.

עס זיינען אַריבער אַ פאָר וואָכן און איר קראַנקייט האָט זיך געשלעפּט. זי האָט געקוקט אויפן דאָקטערס געלאַסענע דורכזיכטיקע ברילן און זי האָט געוואוסט, אַז אירע טעג און וואָכן זיינען ביי אים אין די הענט.

עליזאַבעט האָט דערפילט אַן איינזאַמקייט, וואָס זי האָט קיינמאָל ניט געפילט ביז איצט. צו איר געבורטס־טאָג איז איר אָנגעקומען אַ בוקעט רויזן שוין דעם צווייטן מאָל פון די מיידלעך פון דער אַטעליע מיט אַ צעטעלע פון גליק־וואונטשן. און פון דער באַלעבאָסטע דער ליטוואַטשקע איז אָנגעקומען אַ טיש־זייגער וואָס האָט אויסגעשפּילט אַ פּאָפּולערן ניגון.

דער שיק־אינגל פון בלומען־געשעפט איז ניט אַריבער די שוועל. זי האָט ביי אים צוגענומען די בלומען פון אַן אָפענער טיר, און די רויזן זיינען אַריין צו איר אָן אַ באַגלייטונג פון אַ מענטשלעך קול און פנים. אָפּגעשניטענע בלומען! זיי וועלן אין אַ פאָר טעג אַרום פאַרוועלקן. עליזאַבעט האָט דעם בוקעט אַוועקגעלייגט אויפן טיש און עטלעכע שעה ניט אַריינגעשטעלט אין וואַסער. אַ טריקעניש האָט זיך געטראָגן צו איר פון אים, ווי ער וואָלט געשיקט געוואָרן אויף צו להכעיס: „נאַ, שמעק דיינע רויזן". דער בוקעט איז געלעגן אויפן טיש ווי אַ צייגעניש פון איר איינזאַמקייט.

יעדן טאָג, אינדערפרי, קומט אַריין דעם וועכטערס ווייב, מיסיס קערעס, אַ הויכע פרוי מיט לוסטיקע אויגן, אַ פוילישע פון אָפּשטאַם. זי עפנט די טיר מיט איר אייגענעם שליסל און מיט אַ הילכיקן „גוט מאָרגן! וואָס מאַכט איר, מיס עליזאַבעט?" זי ברענגט הייסע קאַווע, געבעקס און אַן אָפּגעקאָכטן אָונט־ברויט. די מיסיס קערעס בלייבט שטיין פון העפלעכקייט וועגן ביי אַ פינף מינוט ביי עליזאַבעט אין צימער, שמייכלט און באַדויערט עליזאַבעטס פאַרקילונג וואָס געדויערט אַזוי לאַנג. כדי צו טרייסטן די מיס עליזאַבעט, דערציילט די מיסיס קערעס וועגן איר מאַן, וואָס דעקט זיך צו אַפילו זומער מיט אַ וואַרעמער קאָלדרע און עס העלפט אים ניט: „ער פאַרקילט זיך סיי־ווי אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק". „יע, מיס עליזאַבעט, אַזוי איז דאָס לעבן, מען מוז זיך אַלע מאָל פאַרקילן". זי פאַרשליסט די טיר מיט איר שליסל ביז זי קומט ווידער מאָרגן אינדערפרי. נאָך איר אַוועקגיין ווערט די טיר אַ גאַנצן טאָג ניט געעפנט.

די שטילקייט אין דער דירה האָט אירע איבעררייסן. עס צעטראָגט זיך אַ פּייף פון די וואַסער־קראַנען, אַ ברומעריי, ווי זיי וואָלט נמאס געוואָרן די שטומע שווייגעניש פון דער וועלט. דער גערויש אין די קראַנען רייסט זיך איבער פּלוצלינג ווי מיסיס קערעסעס שליסל זאָל אים פאַרשליסן.

עליזאַבעט ליגט אויף דער סאָפע, קוקט אַריין אין די נייע זשורנאַלן ביז זי ווערט איינגעדרימלט. די זשורנאַלן זעען איר איצט אויס לאַנגווייליק און אומנוצלעך. פון הינטער די ווענט דערגייען צו איר די שטימען פון אַנדערע דירות, און זי האָט זיך באַקענט מיטן טעגלעכן גאַנג פון לעבן פון אירע שכנים. אַ זייגער זיבן פאַרנאַכט צעווייַנט זיך דאָס אינגעלע ביי איר שכנה פון דער רעכטער זייט. דאָס קינד טופּעט מיט די פיס און די מאַמע שרייט אויף אים און דראָט אים צו שלאָגן. דער געטומל געדויערט אַ מינוט צען, ביז דאָס קינד גייט אַוועק שלאָפן. אַ פּאָר טעג האָט עליזאַבעט ניט געהערט דעם אינגל וויינען און עס האָט איר אויסגעפעלט. זי האָט געפרעגט ביי דער מיסיס קערעס, וואָס איז געשען מיטן אינגעלע ביי דער שכנה? „ער איז אין שפּיטאָל — האָט איר די מיסיס קערעס דערציילט — מען האָט אים אַרויסגענומען די מאַנדלען, זייער קראַנק דאָס קינד".

— אַרויסגענומען די מאַנדלען? — האָט זיך עליזאַבעט אָפּגערופן, און זי האָט דערפילט אַ מיטלייד צום קינד וואָס איז קראַנק געוואָרן אינמיטן דערינען, אָט אַזוי ווי זי.

— יע, מיס עליזאַבעט, אַזוי איז דאָס לעבן, מען מוז ליידן — האָט דעם וועכטערס ווייב איצט פאַרענדיקט איר פינף־מינוטיקן שמועס פאַר העפלעכקייט.

איינמאָל אַ וואָך, זונטיק, קלינגט דאָס גלעקל אין עליזאַבעטס טיר. עס קומט איר פריינדין, סערע. שוין אַ יאָר צען — זינט עליזאַבעט האָט זיך געגט מיט איר מאַן — גייען זיי צוזאַמען אין די מואוויס, חוץ אין די הייסע זומער־וואָכן ווען עליזאַבעט פאָרט צום ים, און סערע קען ניט מיטפאָרן מיט איר „צוליב די רייכע האָטעלן". איצט האָט סערע די איידלקייט אָפּצוגעבן אירע זונטיקס פאַר עליזאַבעט, קומען און זיצן מיט איר עטלעכע שעה. סערע ברענגט מיט זיך אַ פּאַפּירענעם טעפּל קאַווע און אַ הילצערן לעפעלע אויף אויסצומישן די צוקער. אָפנהאַרציק זאָגט זי עליזאַבעטן, אַז זי האָט מורא צו טרינקען פון אירע גלעזער צוליב דער הויט־קראַנקייט. „דיר וועט עס ניט גרינגער מאַכן — זאָגט זי — און מיר פעלט מער ניט! גלייכער זיך היטן!"

סערע איז אַ פאַרעלטערט מיידל. זי אַרבעט אין אַן אַפּטייק. זי נוצט די בעסטע קאָסמעטיקס און גיט עליזאַבעטן עצות וויאַזוי צו האַלטן אירע האָר זיי זאָלן גלאַנצן. סערע זאָגט, אַז עס איז איר שווער חתונה צו האָבן ווייל זי אַרבעט אין אַן אַפּטייק. „ווער קומט אין אַן אַפּטייק? פאַראומערטע מענטשן וואָס באַשטעלן רעצעפּטן — וועלן זיי דאָרט גיין זוכן אַ כלה? עס איז גרינג חתונה צו האָבן ווען מען אַרבעט אין אַ „ליקער־סטאָר" אָדער אַ רעסטאָראַן, וואו מענטשן קומען אַריין פריילעכע און אויפגעלייגט צו אַ שמועס. דאָרט קען מען יעדן טאָג טאָן אַ שידוך!" און סערע האָט חרטה וואָס זי איז אַריינגעפאַלן אין אַן אַפּטייק.

עליזאַבעט שווייגט. זי קוקט אויף סערעס פיס, וואָס גייען ווי אַן אויסגעבויגענע אָפּצוווענגע און זי טראַכט עפּעס, נאָר זי דערווידערט ניט סערען. זי וויל ניט פאַרלירן איר פריינטשאַפט און זי טרייסט זי: „און אַז מען האָט שוין חתונה און מען גט זיך מיטן מאַן, ווייל ער איז אַ שיכור, האָט מען



נאָך אַ ביטערע דערפאַרונג". עליזאַבעט איז דאַנקבאַר סערען פאַר איר קומען. איבערהויפּט: דער קלונג פון דעם גלעקל דערפרישט זי. אָט, אַ מענטש איז געקומען.

עס האָט איינמאָל ביי עליזאַבעטן אַ קלונג געטאָן די טיר. עס איז ניט געווען אין אַ זונטיק. עס איז געווען אין אַ פּשוטן מיטוואָך. עליזאַבעט האָט מיט נייגעריקייט זיך אַ לאָז געטאָן עפענען.

— אַ! דאָס זיינט איר, מיס עליזאַבעט! — האָט די פרוי ביי דער אָפענער טיר געזאָגט צו איר מיט וואַרעמקייט. די שטים איז עליזאַבעטן געווען באַקאַנט, נאָר די פרוי מיטן לענגלעכן פּנים, וואָס איז געשטאַנען קעגן איר — זי האָט זיך ניט געקענט דערמאָנען, צי זי האָט זי ווען עס איז געזען. עליזאַבעט איז געשטאַנען אין פאַרלעגנהייט און אָנגעקוקט איר גאַסט.

די פרוי האָט אָנגעהויבן לאַכן. עליזאַבעט האָט דערזען אירע ווייסע ציין און ביי דער זייט אַ שמאָל צייַנדעלע, וואָס האָט צוגעגעבן איר געלעכטער אַ קינדישן אויסדריק.

— איריס! — האָט זיך עליזאַבעט דערמאָנט — איר האָט זיך אינגאַנצן געענדערט! נאָר דער געלעכטער איז געבליבן דער זעלביקער.

איצט האָט עליזאַבעט איריסן געאירצט. דעמאָלט ווען זי האָט זי באַגעגנט האָט זי איר געזאָגט „דו".

עליזאַבעט האָט אַריינגערופן איריסן אין שטוב און האָט זי געבעטן זיצן. זי האָט געקוקט אויף איריסן און קוים געכאַפּט אַן ענלעכקייט צווישן דער פרוי און דעם יונגן מיידל, כמעט אַ קינד, וואָס האָט זי מיט פופצן יאָר צוריק אָפּגעשטעלט ביי דער טיר פון דער אַטעליע און געבעטן ביי איר אַרבעט. ס'איז געווען אַ זומער פון אַרבעטסלאָזיקייט אין דעם פאַך. העפטעריי איז כמעט אַרויס פון דער מאָדע. דאָס מיידל איז געווען דין, און אירע אַראָפּגעלאָזטע הענט אַזוי הילפלאָז, אַזוי מאָדנע האָט זי זיי געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט, אַז זיי האָבן אויסגעזען לענגער ווי אַלע הענט פון דער וועלט. די גרויע קינדערישע אויגן און די אַראָפּגעלאָזטע הענט האָבן עליזאַבעטן פאַרהאַלטן אין דער טיר, ווי זיי זאָלן איר דעם וועג פאַרצאַמען. די מיידלעך פון דער אַטעליע, וואָס זיינען פאַרבייגעגאַנגען צו פרישטיק, האָבן זיך געוואונדערט: עליזאַבעט האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ מיידל וואָס איז געקומען נאָך אַרבעט? עליזאַבעט לאָזט ריידן צו זיך? סיידן זי איז אירע אַ קרובה. נאָר איריס איז ניט געווען קיין קרובה אירע. אירע הילפלאָזע, אַראָפּגעלאָזטע הענט האָבן עליזאַבעטן ווי צוגעהאַלטן. זי האָט געזאָגט צום מיידל:

— קיין אַרבעט האָב איך ניט. נאָר קום מיט מיר עסן „לאָנטש". איך האָב אַ געדאַנק פאַר דיר.

עליזאַבעט האָט באַשטעלט צוויי בייגל פאַר זיך און צוויי פאַר איריס. מיט די לאַנגע הילפלאָזע הענט האָט איריס קוים אָפּגעבראָכן אַ שטיקל פון בייגל און קוים דערשלונגען אַ ביסן, ווי עס עסט געווייַנלעך אַן אויסגעהונגערטער ווען מען דערלאַנגט אים כיבוד.

— מיין געדאַנק איז, אַז דו זאָלסט אונז ברענגען פרישטיק אין אַטעליע. איך וועל שוין זען מען זאָל ביי דיר קויפן.

עטלעכע וואָכן האָט איריס געטראָגן פרישטיק פאַר די אַרבעטערינס אין אַטעליע. עליזאַבעט האָט געשורשעט מיטן זיידענעם קלייד און האָט אונטערגעטריבן די העפטערקעס: קויפט ביי איר. זי ברענגט גוטע שפּייז. און עליזאַבעט אַליין האָט פאַר אַלעמען אין די אויגן געגעסן דעם פרישטיק

וואָס זי האָט געקויפט ביי איריסן. דערנאָך איז איריס פאַרשוואונדן. עליזאַבעט האָט באַקומען פון איר אַ דאַנק־בריוו, וואו זי האָט געשריבן, אַז זי האָט געקראָגן אַן אַנדערע באַשעפטיקונג. מער האָט עליזאַבעט ניט געהערט פון איר.

איצט, זיצנדיק ביי עליזאַבעט אין צימער, האָט איריס פאַרענדיקט איר געשיכטע מיט דער צווייטער באַשעפטיקונג: אַ קעלנער פון דעם רעסטאָראַן, וואו איריס האָט איינגעקויפט די פרישטיקן פאַר די העפטערינס, איז געווען זייער גוט צו איר. „ער האָט זיך פשוט פאַרליבט אין מיר" — האָט איריס אַ לאַך געטאָן און אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען, ווי זי אַליין וואָלט זיך געוואונדערט אויף דעם. ער האָט זי אַריינגענומען פאַר אַ געפּעסוואַשערקע און זיי האָבן חתונה געהאַט. איצט האָבן זיי אַ רעסטאָראַן און אַ געשטעל פאַר שאַרפע געטראַנקען און צוויי קינדער — האָט איריס צוגעגעבן ווי זי זאָל ווידעראַמאָל זיין פאַרוואונדערט אויף זיך אַליין.

איריס האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און האָט געזאָגט שטיל:

— איר האָט אין מיר דעמאָלט פאַרדינט אַ מצווה... עס איז געווען — כאָטש וואַרף זיך אין וואַסער אַריין... איך האָב געוואוינט ביי אַ שטיפמוטער... אַ מצווה... — האָט זי שטיל אַרויסגערעדט נאָכאַמאָל און טרערן זיינען ביי איר אויפגעקומען אין די אויגן.

זיי האָבן ביידע געשוויגן. איצט איז די שטילקייט געווען אַן אָנגעלאָדענע מיט וואַרעמקייט, מיט אַ מענטשלעכער טרער, און זי האָט ניט געדריקט אויף עליזאַבעטן. אַפילו די סאַמעטענע בלום אויפן אַבאַזשור האָט אויסגעזען ווייכער און מער ענלעך צו אַ לעבעדיקער בלום.

איריס האָט זיך אויפגעהויבן און געעפנט דעם קוישל שפּייז וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון איר רעסטאָראַן. אינדערהויך זיינען געלעגן צוויי בייגל. ביידע פרויען האָבן אַ שמייכל געטאָן.

— זיי זיינען ניט אַלטגעבאַקן געוואָרן. פופצן יאָר אַז איך האַלט זיי פריש... אין מיין זכרון.

— וויאַזוי האָט איר זיך דערוואוסט וועגן מיר? — איז עליזאַבעט געוואָרן נייגעריק.

— אַ פרוי, אַ קרומע נעבעך, קומט אַריין צו מיר יעדן זונטיק. זי נעמט קאַווע און אַ הילצערן לעפעלע אויף אויסמישן די צוקער. זי האָט מיר דערציילט וועגן אייך און אָנגערופן אייער אַטעליע. איך האָב איר גאָרניט געזאָגט, נאָר איך האָב גענומען אייער אַדרעס. וואָס קען אַ זייטיקער פאַרשטיין וועגן די צוויי בייגל?

עליזאַבעט איז נאָך אַ היפשע צייט געלעגן מיט איר הויט־קראַנקייט. איריס האָט אַ טאָג ניט פאַרפעלט צו קומען — אַליין, אָדער מיט איר מאַן, דעם קעלנער וואָס האָט זיך אין איר פאַרליבט. זי האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן מיטברענגען דעם קוישל שפּייז מיט די צוויי בייגל.

— זיי וועלן בלייבן פריש ביי מיר כל זמן איך וועל לעבן — האָט זיך איריס געוויצלט און געלייגט די בייגל אויפן טיש.

די בייגל האָבן אויסגעזען אין עליזאַבעטס אויגן שענער ווי די סאַמעטענע בלום אויפן אַבאַזשור. ווי אַ פאַרטריקנטער און פאַרגעסענער בוים וואָלט זיך אומגעריכט צעוואַקסן און געגעבן פרישע, זיסע פרוכט.

סוף זומער איז עליזאַבעט געקומען צוריק צו דער אַרבעט אין דער אַטעליע. די באַלעבאָסטע האָט זי באַגעגנט מיט אויסגעשטרעקטע הענט און



זי אַרומגענומען. די מיידלעך האָבן זי באַגריסט פריינטלעך, ווי אַ מענטשן וואָס קערט זיך אום צו דער אַרבעט נאָך אַ לענגערער קראַנקייט. עליזאַבעט האָט זיך דערפילט אויפגעלעבט. דער עלנט, וואָס האָט זיך אַרויפגערוקט אויף איר אין דער צייט פון איר קראַנק זיין, איז ווי אַראָפּגעפאַלן פון איר. זי איז צוריק אויף איר אָרט, וואו זי האָט אָנזען און באַוואונדערונג. אַ באַרוישטע האָט זי דערציילט דער באַלעבאָסטע און די מיידלעך וועגן איריס, וועגן איר אומגעריכטן וויזיט, וועגן דעם ווי זי האָט אָט די איריס געראַטעוועט פון הונגער מיט אַ פופצן יאָר צוריק, און וועגן די צוויי בייגל וואָס איריס האָט איר געבראַכט יעדן טאָג אין דער צייט פון איר קראַנקייט.

עליזאַבעט האָט דערוואַרט מען זאָל זיך אָפּרופן, מען זאָל די מעשה באַוואונדערן. אין אַטעליע איז געווען אַ שטילקייט. אַ פּאָר מיידלעך האָבן בלאָס אַ שמייכל געטאָן און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ פאַר יוצא וועגן. פון אַ ווינקל האָט זיך דערהערט אַ קורצער, פאַרשטיקטער געלעכטער, כיכי, און איז אָפּגעהאַקט געוואָרן. „מען גלויבט מיר ניט" — האָט עליזאַבעט אַ טראַכט געטאָן, און דער עלנט פון פאַרגאַנגענעם זומער האָט זיך ווידער אָנגעטאָן אויף איר און האָט אַרויפגעבראַכט אויף איר איר פּנים אַ טרויער.

די באַלעבאָסטע, די ליטוואַטשקע, האָט זי געפּרואווט אונטערהאַלטן:

— איך דערמאָן זיך טאַקע, יע, יע, דאָ איז געווען עפּעס אַן איריס... — האָט זי געזאָגט און איז אַריין צו זיך אין צימער.

עליזאַבעט האָט זיך דערפילט ווי אַ באַרויבטע. מען האָט ביי איר אַוועקגענומען עפּעס, אַוועקגענומען... די סאַמעטענע בלום איז געהאַנגען אויף איר אַקסל אַן עלנטע און אַן אָפּגעבליאַקעוועטע, ווי מען זאָל ביי איר אויך צוגענומען איר גלאַנץ. זי האָט מער ניט דערמאָנט אין אַטעליע וועגן איריס.

אין דער אַטעליע האָט מען דערפילט, אַז עליזאַבעט איז צוריקגעקומען. אירע זיידענע קליידער האָבן ווי פריער געשורשעט „שאַ־שאַ־שאַ", און ווי פריער האָט זי אויפגענומען די רייכע באַשטעלערינס און גערעדט צו זיי מיט אויסלענדישע ווערטער וועגן די פאַסענער. דאָך האָבן די מיידלעך באַמערקט ביי עליזאַבעטן ענדערונגען. ווען עס איז איר ניט געפעלן געווען אַן אַרבעט האָט זי אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין און אַ קנייטש געטאָן מיט אַ ברעם. קיין וואָרט האָט זי ניט אויסגערעדט.

— זי האָט אין דער קרענק פאַרלאָרן די „מאַמעליגע" — האָבן זיך די מיידלעך געוויצלט וועגן איר אונטער די אויגן.

זי האָט מער דאָס וואָרט ניט אַרויסגערעדט. עס האָט פאַר איר פאַרלאָרן דעם באַדייט זומער, ווען זי האָט עס געזאָגט פאַר זיך אַליין און פאַר די אויסגעפּוצטע, שטומע ווענט. אָבער פון עליזאַבעטס שאָקל מיטן קאָפּ און קנייטש מיטן ברעם האָבן די מיידלעך ניט ווייניקער געליטן ווי פון איר ווערטל „מאַמעליגע" און זיי האָבן אַפילו איבערגערעדט:

— שטומערהייט קען זי אויך אויסשטעכן אַן אויג. זי האָט אין דער קרענק, חלילה, דאָס רשעות ניט פאַרלאָרן. מען מעג שוין איר נאָכאַמאָל שיקן רויזן.

די איינזאַמקייט און דער עלנט פון פאַרגאַנגענעם זומער זיינען נאָכגעגאַנגען עליזאַבעטן אויך אין דער אַטעליע, און עס פלעגט איר קומען אויפן זינען איריס. איריס מיט איר געלעכטער און מיטן קליינעם ציינדעלע ביי דער זייט פון מויל. עס פלעגט איצט טרעפן ביי עליזאַבעטן, אַז זי

פלעגט אַ מיידל אָנרופן ביים נאָמען, וואָס עס איז ביי איר פריער קיינמאָל ניט געווען. „דו" האָט זי געזאָגט יעדער איינער פון זיי, ווי זיי וואָלטן אַלע געווען פון איין שטיק און עס איז ניט שייך זיי אונטערשיידן איינער פון דער אַנדערער. בלויז צו איר האָבן זיך אַלע געווענדט מיט איר נאָמען: מיס עליזאַבעט.

— ראָני, ווי לאַנג אַרבעטסטו שוין דאָ אין אַטעליע? — האָט עליזאַבעט איינמאָל אַ פרעג געטאָן ביי דער עלטסטער העפטערקע, איינע פון די בעסטע צווישן די מיידלעך.

— אַזוי לאַנג ווי איר, מיס עליזאַבעט, — האָט איר ראָני געענטפערט — שוין פופצן יאָר. אין דער זעלבער וואָך זיינען מיר אַהער אַריינגעקומען, איך מיט אַ צוויי טעג פריער פון אייך. איך געדענק — איר זיינט געקומען אין אַ בלוי, זיידן קלייד מיט אַ געלער, סאַמעטענער בלום ביים אַקסל.

עליזאַבעט האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, איז געשטאַנען אַ ווײַלע, ווי די פופצן יאָר זאָלן זי פאַרהאַלטן. מער קיין זכרונות וועגן עליזאַבעטן האָט ראָני, זעט אויס, ניט געהאַט און זי האָט זיך גענומען צוריק צו איר אַרבעט.

מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָט ביי ראָנין פּאַסירט אַן אומגליק אין דער אַרבעט. איר שערעלע איז געווען צו־שאַרף און זי האָט פאַרשניטן די שטאָף טיפער ווי דער אָנגעצייכנטער אוזאָר. ראָני האָט פון שרעק אַ וואָרף געטאָן די שערעלע, ווי זי זאָל זיך אָן איר אָפּבריען. די מיידלעך האָבן זיך אומגעקוקט:

— וואָס איז געשען, ראָני?

— פאַרשניטן, — האָט זי אַרויסגערעדט — פאַרשניטן.

אַ צוויי מיידלעך זיינען צוגעקומען צו איר, און ווען זיי האָבן דערזען דעם בראָך האָבן זיי זיך אָפּגעטראָגן, ווי זיי זאָלן מורא האָבן ניט פאַרמישט זיין אין דער צרה.

עליזאַבעט איז צוגעקומען. ראָני האָט געהערט דעם „שאַ־שאַ־שאַ" פון איר קלייד, נאָר זי האָט ניט אויפגעהויבן די אויגן. עליזאַבעט איז שטיין געבליבן און האָט געשוויגן.

די אַרבעט וואָס ראָני האָט געמאַכט איז געווען אַ הויך־געפרייזטע, געקראָגן פון אַ רייכער באַשטעלערין, און האָט געפאָדערט די גרעסטע פּינקטלעכקייט פון אוזאָר. עליזאַבעט האָט זיך צוגעקוקט און ראָני האָט מורא געהאַט אויפהויבן דעם בליק צו איר. נאָר עליזאַבעט האָט ניט גע־קוקט אויפן אוזאָר, וואָס איז געלעגן פאַראומגליקלעכט אויפן טיש. זי האָט געקוקט אויף ראָנין. אירע ליפּן האָבן געצוקט, און די הענט זיינען געווען אומבאַהאָלפן אַראָפּגעלאָזט לעבן די קני.

עליזאַבעט האָט זיך דערמאָנט אָן איריס. זי האָט אַ פיר געטאָן מיט איר געשפּיגלטן נאָגל איבער דער אַרבעט. ראָני האָט אויפגעהויבן די אויגן צו איר. זי האָט דערזען עליזאַבעטס פּנים. אין די פופצן יאָר וואָס זי האָט יעדן טאָג געזען עליזאַבעטן, האָט זי קיינמאָל ביי איר אַזאַ פּנים ניט געזען. מיטלייד איז געווען אין אירע אויגן און אַזאַ ווייכקייט אויף די ליפּן, ווי עמעצער וואָלט זיי נאָר־וואָס אַ קוש געטאָן.

— ראָני, — האָט עליזאַבעט געזאָגט, און האָט מיטן גלאַנציקן נאָגל אַ פיר געטאָן אַ קרייז איבערן פאַרשניטענעם שטאָף, — דו וועסט דאָ אויס־העפטן צוויי בייגל, אייער־קאָליר, העלער אייער־קאָליר, און עס וועט זיין שיין, עס וועט זיין זייער שיין. — זי האָט געזאָגט אַן אויסלענדיש וואָרט, 



ווי די באַשטעלערקע זאָל דאָ שטיין דערביי. און מיטן פינגער האָט זי אַ ווייז געטאָן ראָנין אויפן מוסטער פון די פאָדים וואָס איז געלעגן אויפן טיש. ראָני האָט ווי דורך אַ חלום געהערט ווי עליזאַבעטס קלייד האָט אַוועק־געשורשעט: „שאַ־שאַ־שאַ".

די באַשטעלערקע האָט מיט צופרידענער הסכמה געשאָקלט מיטן קאָפּ ווען זי האָט באַטראַכט די צוויי פייערדיקע רעדער וואָס האָבן אַרויסגעלויכטן פון איר טונקל קלייד. זיי האָבן געפלאַמט ווי אַראָפּגעפלויגן פון אַ פאַנטאַס־טישער וועלט. עליזאַבעט האָט די אַרבעט אָנגערופן מיט אַן אויסלענדישן נאָמען, און די באַשטעלערין האָט געשמייכלט: „איר האָט פאַנטאַזיע, מיס עליזאַבעט".

ראָני האָט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן פונדערווייטן זיך צוגעהערט צו דעם שמועס. ווען די באַשטעלערין איז אַוועק, האָט זי דערפילט אַ פריידיקן געוויין אין האַרצן, ווי יעדער מענטש וואָס ווערט דערלייזט פון אַ צרה. זי איז צוגעגאַנגען צו עליזאַבעטן און האָט איר געזאָגט:

— מיס עליזאַבעט, איר האָט פאַרדינט אין מיר אַ מצווה. אַ מצווה...

— און טרערן זיינען איר אויפגעקומען אין די אויגן.

— דאָס זיינען מיינע פרילינג־רויזן — האָט זי געענטפערט — זיי ווערן ניט פאַרוועלקט אין פופצן יאָר. — און זי האָט אַוועקגעשורשעט איבער דער אַטעליע: „שאַ־שאַ־שאַ".

*

אהרן צייטלין

## פאַראַגראַפן וועגן פּאָעטישן אימאַזש

### א

פאַראַן פּאָעטן, וואָס מיינען, אַז אַ שורה איז אַ וויטרינע, וואו מען דאַרף אויסשטעלן וואָס מער „פּאָעטישע סחורה". אַזאַ איבערגעלאָדענע שורה אין אַ ליד ווערט אויטאָנאָם — און איז קראַנק. וואָס איז קראַנקהייט? עפּעס אַזוינס, וואָס רייסט זיך אַרויס פון אונטער דער קאָנטראָל פון דער גאַנצקייט. דער קראַנקער גליד ווערט אַ תקיף, פאָדערט אויפמערקזאַמקייט נאָר פאַר זיך און צעטרייסלט דעם באַלאַנס פון אָרגאַניזם.

אַן אויטאָנאָמע אָדער קראַנקע שורה אין אַ ליד איז אַזאַ, וואָס וויל אַליין אַ ליד זיין, פונקט ווי דער קראַנקער גליד איז אַ טייל, וואָס וויל קומען אויפן אָרט פון דער גאַנצקייט.

אויף דער מחלה פון דער אויטאָנאָמער שורה ליידן געוויינלעך יונגע ליריקער, וואָס זאָגן צו־ווייניק אָדער גאָרנישט ווייל זיי ווילן זאָגן צופיל אויף אַמאָל. גראָד דער טאַלאַנט, ווען ער איז צו פול מיט זיך אַליין (און יוגנט איז תמיד צו־פול מיט זיך אַליין), איז עלול צו ליידן אויף דער שורה־קראַנקהייט. די איבערגעפּאַקטע שורה נאַרט אָפּ די פּסעוודאָ־קריטיקער, וואָס ווייסן ניש׳ט דעם חילוק צווישן פולקייט און געשוואָלנקייט. דער סוף איז, אַז דער יונגער ליריקער, באַגריסט פון דער פּסעוודאָ־קריטיק ווי אַ פּאַרטיקער גדול, בלייבט אַן אייביקער אָנפאַנגער.

### ב

ערגער ווי דער אַבסורד, וואָס באַקומט זיך פון ווילן זאָגן צופיל אויף־אַמאָל, איז דער פּראָגראַמאַטישער אַבסורד — איך מיין דער אַבסורד וואָס

ווערט אַ קונסט־טעאָריע. די סורעאַליסטן, למשל, האָבן געבאָרגט ביי דער מעדיומיסטיק דעם ענין פון אויטאָמאַטישן שרייבן. שרייבן אויטאָמאַטיש, דאָס הייסט, לאָזן די פען גיין וואוהין זי וויל, הייסט עפענען פאַרן אַבסורד טיר־און־טויער. געפינען מיר ביי אַ סורעאַליסטישן גדול אַזאַ מין „אימאַזש": רויט ווי אַן איי ווען זי איז גרין. ס׳איז דאָסזעלבע ווי מ׳זאָל זאָגן: בלוי ווי אַ קעז־קוכן ווען ער איז שוואַרץ, אָדער (אויב מ׳זאָל פאַרגעסן אין קאָלירן): פירקאַנטיק ווי אַ דרייעק ווען ער איז אַ בעזעם.

ג

אַן אימאַזש איז נישט קיין אַבסאָלוטע נויטיקייט אין אַ ליד. והא ראיה: די וועלט־פּאָעזיע קען געניאַלע לידער, שפּיץ־דערגרייכונגען פון פּאָעטישן וואָרט, וואָס באַגייען זיך אָן אימאַזש. נאָר אויב דער אימאַזש איז נישט — ווי עס מיינען דילעטאַנטישע פּאָעטן און דילעטאַנטישע קריטיקער — אַ „קאָנדיציאָ סינע קוואַ נאָן" אין אַ ליד, איז אָבער יאָ אַן אַבסאָלוטע נויטיקייט, אַז דאָרט, וואו דער אימאַזש איז דאָ, זאָל ער זיין אַ חושים׳דיק בילד אָדער אַן אידיי־בילד אָדער אַ סימבאָל־בילד, אַבי נישט קיין סתם מליצה.

ס׳איז מליצה אין נוסח פון דער עליזאַבעט־תקופה, ווען אין שעקספּירס „אַנטאָני און קלעאָפּאַטראַ" ווערט גערעדט וועגן דער לופט, וואָס איז אַוועק גאַפן אויף קלעאָפּאַטראַן, אַזוי, אַז ס׳איז דערפון געוואָרן אַ „גאַפּ אין נעיטשור", אַ ריס אין דער נאַטור. לופט, וואָס פאַרלאָזט די נאַטור, ווייל זי גייט קוקן אויף קלעאָפּאַטראַן, איז אָנגעבלאָזענע רעטאָריק. ווען אָבער פּראָספּעראָ זאָגט ביי שעקספּירן:

מיר זיינען אַזאַ שטאָף ווי דער,
וואָס פון אים ווערן געמאַכט חלומות,
און רונד־אַרומגענומען פון אַ שלאָף
איז דאָס קליינע לעבן אונזערס —

ווערט אויך דאָס פאָרקומען ווי רעטאָריק ביי איינעם, וואָס איז נישט בכוח צו באַנעמען אַן אידיי־בילד אָדער אידיי־אימאַזש, ס׳איז אָבער הויכע בילדלעכקייט: אַ שטאָף, וואָס פון אים ווערן געמאַכט חלומות און מענטשן (נישט „געוועבט", ווי ס׳וואָלט געזאָגט אַ קלענערער פּאָעט, נאָר דווקא געמאַכט — מעיד אָוו), און אַ ברעקל לעבן, וואָס איז רונד־אַרומגענומען פון אַ שלאָף.

ד

אַ שפּראַך־אימאַזש לאָזט זיך נישט איבערזעצן. דאַרף מען אַ פּאָעט לייענען אין זיין שפּראַך, גאָר באַזונדערס אַזעלכע פּאָעטן, וואָס די דירעקטע אימאַזשן זייערע זיינען קוואַליטאַטיוו נידעריקער ווי זייערע שפּראַך־אימאַזשן.

ה

מיר לייענען ביי אַ פראַנצויזישן דיכטער: אַ באַרג אַזוי הויך ווי אַ ביישפּיל (ביישפּיל אין דעם זין פון מוסטער און פאָרבילד).

ווען מען זאָגט: אַ ביישפּיל אַזוי הויך ווי אַ באַרג, איז עס מליצה. אַ באַרג, אַזוי הויך ווי אַ ביישפּיל, איז אַן אימאַזש, אָבער דער אימאַזש האָט פאַר־בלאָנדזשעט. וואָרום די כוונה איז געווען נישט צו באַלעבן אַ באַגריף (ביישפּיל), נאָר צו ווייזן די הויכקייט פונעם באַרג. באַקומען האָט זיך דער היפּוך: אומגעריכט האָט אויפגעלעבט דער באַגריף, נאָר אויפן חשבון פון אָט דער אויפלעבונג איז „געשטאָרבן" דער באַרג...

פאַרבילדלעכן באַגריפן איז פאַר זיך אַליין אַ נאַטירלעכע דיכטערישע פּראָצעדור: שעקספּיר טוט דאָס כסדר. דאָס דאַרף אָבער געשען אַזוי, אַז



אויפלעבן זאָלןביידע: סיי — סימבאָליש גערעדט — דער ביישפּיל און סיי דער באַרג.

ו

זינלעכס, פאַרגליכן מיט זינלעכס, קאָן קיינמאָל נישט אַזוי ווירקן, ווי איבערזינלעכס פאַרגליכן מיט געזעענס. ס׳איז אַ שיינער אימאַזש, ווען לענאַו זאָגט, אין אַ האַרבסט־ליד, אַז דער וואָלקן לאָזט אַרויס די שלאַבעריקע האַרבסט־זון ווי אַ שפּילצייג פון האַנט אַרויס. אָבער אָן אַן ערך מער זאָגט אַזאַ בילד פון דעם בעל־התהלים, ווי: כאיל תערג על אפיקי מים, כן נפשי תערג אליך, אלהים. פאַרוואָס דערהערן מיר דאָ און דערזעען אַזוי פּלאַס־טיש די „זעל" — די גאָט־דאָרשטיקע, די גאָט־רופנדיקע — דורך דער „אינדיק"? דערפאַר ווייל אַלדאָס געזעענע איז אַ זינבילד פון דעם אומגע־זעענעם.

ז

צוויי שורות פון שאול טשערניכאָווסקיס אַ יוגנט־ליד:

מביט האופל — מורא והוד! —
באלפי רבבות עין־רואה.

ס׳איז אַן אונטערבאַוואוסטזיניקע רעמיניסצענץ (נישט, חלילה, קיין פּלאַ־גיאַט) פוי צוויי שורות אין געטעס אַ ליד. ביי געטען ווערט געזאָגט, אַז די נאַכט האָט געקוקט פון די קוסטעס אַפּער מיט הונדערט שוואַרצע אויגן. ביים יונגן טשערניכאָווסקי איז פון די „הונדערט שוואַרצע אויגן" געוואָרן „אלפי רבבות". עס זיינען פאַרשוואונדן די קוסטעס, וואָס די נאַכט, אָדער פינסטער־ניש, קוקט פון הינטער זיי. ס׳איז צוגעקומען דער אָפּשוואַכנדיקער אויסרוף: מורא והוד (פחד און פראַכט). ווען מיר פאַרגלייכן געטעס אימאַזש מיט זיין גלגול ביים יונגן טשערניכאָווסקי, זעען מיר דעם חילוק צווישן אַן אימאַזש אַן אַבסאָלוטן און אַן אימאַזש אַ האַלב־רעטאָרישן. דער אימאַזש לעבט ביי געטען קודם־כל דערפאַר, וואָס ער גיט־אָן אַ נישט־פאַנטאַסטישע, נישט־צעשוואומענע צאָל „שוואַרצע אויגן"; דערביי איז די צאָל אַזאַ, אַז זי נעמט נישט אַוועק אונזער אויפמערקזאַמקייט פון דעם בילד, מחמת „הונדערט" איז ביידע זאַכן: אי פּרעציז, אי אַ שפּראַך־ווענדונג, וואָס קאָן מיינען „אַ סך". ביי טשערניכאָווסקין איז די זאַך פאַרקערט: „אלפי רבבות" איז נישט פּרע־ציז, זאָגט אַלץ און גאָרנישט, און דאָך איז עס גענוג „חשבון", אַז אונזער אויפמערקזאַמקייט זאָל ווערן דעקאָנצענטרירט.

ח

קיינער וועט עס נישט האַלטן פאַר אומנאַטירלעך, ווען איך וועל זאָגן, אַז פון צייט צו צייט דערמאָנען זיך מיר שורות פון אייגענע לידער. איצט, שרייבנדיק וועגן דעם ענין אימאַזש, איז מיר טאַקע געקומען אויפן זינען אַ שורה אין מיינס אַ ליד, וואו עס ווערט געזאָגט, אַז דער בולדאָג האָט גע־האַט דאָס אויסזען פון אַ באַנקיר. פרעג איך מיך: פאַרוואָס וואָלט עס בכלל נישט געווען אין גדר פון אַ בילד, ווען עמיצער זאָל זאָגן פאַרקערט, דהיינו, אַז דער באַנקיר איקס האָט געהאַט דעם אויסזען פון אַ בולדאָג? און איך ענטפער זיך אַליין, אַז קיין בילד וואָלט עס נישט געווען דערפאַר, וואָס דער איינציקער רושם, וואָס וואָלט זיך דערפון באַקומען, וואָלט געווען, אַז דער, וואָס זאָגט דאָס, האָט פיינט דעם באַנקיר...

ט

ווען עמיצער זאָל זאָגן, אַז די בלאָטע באַוואונדערט דעם פראָש, וואָלט עס

העכסטנס געווען אַ רמז אויף אַ בילד. עס באַקומט זיך אָבער אַ פולער אימאַזש, ווען עמילי דיקינסאָן רעדט וועגן אַ פראָש, וואָס רופט כסדר אויס זיין נאָמען פאַר אַ בלאָטע, וואָס באַוואונדערט אים.

י

ווען מיר ווילן דאָס איבערזינלעכע אָנטאָן אין אַ בילד, קאָנען מיר דערגרייכן אַ גרעסערן קינסטלערישן עפעקט, ווען מיר נעמען דאָס בילד פון דער וואָכעדיקייט דווקא און מיר מאַכן די שפּראַך גופא וואָכעדיק. דאָ ווירקט דער כוח פון קאָנטראַסט. ווי אַן אילוסטראַציע לאָמיך ברענגען אַ ליד, וואָס צופעליק בין איך זיין מחבר.

פאַראַן אַ פּאַרלאַמענט,
וואָס ברענט
אין קאָסמישע דעבאַטן.
ס'דעבאַטירן וועלטן — און נישט זעלטן
צעשלאָגן זיך די וועלטן.
ס'קומען פאָר סקאַנדאַלן און פאַרראַטן.
אַלץ גייט דאָרט קרום,
נאָר גראָד אַזוי אַרום
ווערט דערקענט וואָס גלייך איז.
פון האַס ווערט שייכות,
שלום — פון פאַרלענד.
און ס'וואַרטן אַלע דורות אויפן דיכטער,
וואָס וועט קאָנען ווערן דער באַריכטער
פון יענעם פּאַרלאַמענט.

יא

פונקט ווי אַן אימאַזש קאָן זיין באַדינגט אין דער שפּראַך, וואָס אויף איר שרייבט דער דיכטער, אַזוי, אַז אַן איינציק וואָרט זאָל צומאָל פאַרשליסן אין זיך אַ בילד, אַזוי קאָן אַן אימאַזש זיין אַזוי באַדינגט פון דעם קאָנטעקסט, אַז מחוץ דעם קאָנטעקסט זאָל ער פאַרלירן זיין זין און זיין שיינקייט.

איך וויל עס אילוסטרירן מיט אַביישפּיל, וואָס איך געפין גראָד ביי אַ פּראָזאַאיקער. ווען יצחק באַשעוויס שילדערט (אין זיין „שטן אין גאָריי") אַ פאַרנאַכט אין אַ פרום אידיש שטעטל און ער זאָגט, אַז „די לופט איז בלוי געוואָרן ווי בלעטער פון אַלטע ספרים", איז עס נישט נאָר אַן אָריגינעלער, נאָר אַ וואונדערלעך־צוגעפּאַסטער אימאַזש, וואָס גיט די גאַנצע שטימונג פון יענעם פאַרנאַכט, אין יענעם שטעטל, אין יענער צייט און אין יענער סביבה. דער דאָזיקער אימאַזש איז ענג צונויפגעקניפּט מיטן קאָנטעקסט. באַשעוויס וואָלט אַזאַ אימאַזש נישט גענוצט, ווען ער דאַרף, למשל, שילדערן אַ פאַרנאַכט אין ניו־יאָרק אָדער פּאַריז.

יב

דאָס באַרימטע אַכט־שורהדיקע אָוונט־ליד פון געטען פאַרמאָגט נישט קיין בילדער: זעקס שורות באַשטייען פון קאָנסטאַטירונגען, די לעצטע צוויי זיינען אַ ווענדונג.

שורות איינס און צוויי — אַ קאָנסטאַטירונג:
איבער אַלע באַרג־שפּיצן איז רו.
שורות דריי, פיר און פינף — אַ קאָנסטאַטירונג:
אין אַלע בוים־שפּיצן שפּירסטו קוים אַ הויך.
שורה זעקס — אַ קאָנסטאַטירונג:
די פייגל שווייגן אין וואַלד.
שורות זיבן און אַכט — אַ ווענדונג:
וואַרט נאָר — באַלד רוסטו אויך.

וואָס וואָלט דאָ אַ קלענערער פּאָעט אַלץ נישט צעאַרבעט. ער וואָלט זיך קודם־כל נישט באַנוגנט מיט קאָנסטאַטירן, אַז איבער אַלע באַרג־שפּיצן איז רו. ער וואָלט געהאַלטן פאַר זיין קינסטלערישן חוב צו געבן אַן „אימאַזש"; די רו וואָלט ביי אים נישט גערוט. ער וואָלט איר געגעבן עפּעס צו טאָן.



געטע וויל נישט באַאומרואיקן די רו דורך בילד; ער גיט זי דורך דעם, וואָס ער דריקט זי אויס סטאַקאַטאָ אין צוויי זילבן נאָך אַ שורה, וואָס מאַכט דאָס אויער צו דערוואַרטן מער. אַזוי אַרום רוט ביי אים די רו. די רו „איז". און אַזוי גייט עס ביי אים כסדר. ער מאָלט נישט — ער טאָר נישט מאָלן. ער נויגט בלויז דאָס געהער צו דער רו: ער האָרכט זיך איין. און ער דערהערט: וואַרט נאָר — באַלד רוסטו אויך.

דאָס ליד איז איין ביישפּיל פון אַ סך, וואו אַ פּאָעט דאַרף נישט דעם אימאַזש, דערהויבט זיך איבער אים.

יג

איז דאָס, וואָס מיר רופן רעטאָריק, אַלעמאָל שלעכט? אָנגעבלאָזענע רעטאָריק איז אַלעמאָל שלעכט און אַלעמאָל קאָמיש. פאַראַן אָבער רעטאָריק, וואָס איז אַ הויכע מדרגה אין פּאָעזיע: די רעטאָריק פון פּאַטאָס, פון ליידנשאַפט, פון — ווי ביאַליק זאָגט — צער און צאָרן. פון דער מאָדערנער מערב־פּאָעזיע איז דער פּאַטאָס פאַרטריבן. עס געהערט צום שלעכטן טאָן. שוין באָדלער האָט געלערנט, אַז יעדער סאָרט ליידנשאַפט האָט קיין אָרט נישט אין ריינער פּאָעזיע. מיר פאַרשטייען גוט וואָס ער האָט דערמיט געמיינט און אין וואָס פאַר אַ זין ער איז גערעכט געווען. אָבער וואָס איז דער סך־הכל? דער סך־הכל איז, אַז די פּאָעזיע פאַרנעמט זיך על־פּי־רוב מיט טרוקענער אימאַזשן־פאַבריקאַציע, האָט אויפגעהערט אַפּעלירן צו עמעצן און ווערט בדרך־כלל נישט גענומען ערנסט.

ביאַליקס גרויסע מעלה איז דאָס, וואָס ער איז קיינמאָל נישט גלייכגילטיק. זיין אייגנטלעכער אידיאָם איז נישט דאָס בילד, נאָר די ליידנשאַפט, דער פּאַטאָס, די געהויבענע רעטאָריק פון דעם ווייטיקער, טרויערער, שטראָפער. נעמט „אָכן חציר העם". ס'איז ווייניק בילדעריש, אָבער איטלעך וואָרט בריט. בריענדיקע ווערטער זיינען נאָך נישט פּאָעזיע — אויך פּובליציסטיק, יעדנפאַלס גרויסע פּובליציסטיק, קאָן ברענען און בריען דעם לייענער. אָבער די בריענדיקע ווערטער פון „אָכן חציר העם" — און פון אַנדערע לידער ביאַליקס — זיינען פּאָעזיע: זיי זיינען — ווי עס זאָגט די באַוואוסטע דעפיניציע — „די בעסטע ווערטער אין דער בעסטער אָרדענונג".

*

אליעזר גרינבערג

# לידער

## דער צער פון וועלק

ווינט און וואָלקנס, און כ'בין אַ גאַנצן טאָג אין הויז פאַרבליבן.
כ'פלעג בלויז פון צייט צו צייט צום פענצטער צוגיין,
און ווי אַ געפאַנגענער וואָס קוקט פון צעל אַרויס —
האָב איך געזען ווי אָן אַן אויפהער האָט אַ ווינט געטריבן
גרויע וואָלקנס, וואָס האָבן אויפגעלייזט זיך אין אַ געוויין.

מיין בוים אין הויף געשטאַנען איז אַצינד אַן עלנטער פאַרלאָזט.
די לעצטע פייגל זיינע זענען שוין אַוועקגעפלויגן.
און יעדעס מאָל וואָס ס'האָט אַ קלאַפּ געטאָן אַ צווייג אין שויב

האָב איך געוואוסט ס'איז נישט קיין טויב
מיט קיין בשורה־פרייד אין מויל, נאָר אַז אַ בייזער האַרבסט־ווינט
באַפאַלן מיט רציחה איז דעם בוים.

ס'איז זיין יעדער קרעכץ מיר דורך דורכן לייב ווי אַ פראָסט.
ווייל כ'האָב געוואוסט אַז יעדער ווינט־טרייסל
האָט אים הויפנס גאָלד געקאָסט.
אַז ער וועט בלייבן באַלד אַ נאַקעטער אין לעצטן קאָרע־העמד —
און אַז דער צער פון וועלק איז תמיד גרעסער ווי די פרייד פון בלי!

האָב איך אַ גאַנצע נאַכט געוואַרט אויף ערשטן מאָרגנגלי,
איך זאָל אַרויס צונויפשאַרן, אין צער אַ שטומער,
דאָס מידע זשאַווער־גאָלד פון אונזער ביידנס זומער!...

## ס'לעצטע וואָרט...

דו טראָגסט דיין יוגנט פריי און אָפן
ווי מען טראָגט אַ רויט־צעקנאָספּטע רויז;
עס רוישן דיינע טריט ווי סטראָפן —
און ווי אַ ווינט גייט דיר פאָראויס
דיין יונגער אָטעם, היים ווי ליקער,
וואָס מאַכט פון ניכטער באַלד דיך שיכור.

נאָר איך בין שוין נישט יונג גענוג
זיך לאָזן בלינד פון יוגנט פירן.
און איך בין נאָך נישט אַלט גענוג —
עס זאָל דיין שיינקייט מיך נישט רירן.

איך בין אַצינד אין יענער עלטער
ווען ס'האַרץ שאַצט אָפּ דעם מינדסטן שמייכל.
ס'בלוט יערט נאָך ווי ווייַן אין קעלטער,
און שפּאָט פון ניכטערקייט פון שכל.

## אַן איינציק וואָרט

אַ וואָרט, אַן איינציק וואָרט אַ שאַרפס אַרויסגערעדט
האָט זיך פאַרטשעפּעט אין די הערנער פון אַ צווייטן וואָרט.
דאָס וואָרט צוריקכאַפּן איז געווען שוין שפּעט. צו שפּעט.
האָבן בליקן אויפגעלויכט ווי מעסערס גיריקע נאָך מאָרד.

און וואָס די צייט האָט מיט אַזויפיל פאָרכטיקייט געהיט,
און וואָס די ליבשאַפט האָט אין האַרצינס־שייער ציטערדיק געשפּאָרט,
אַלץ, אַלץ וואָס ס'האָט פאַרפלאַנצט אין האָפענונג געבליט —
איז באַלד אומגעקומען אויפן מזבח פון אַן איינציק וואָרט.



## וועבע ביים טייך

רחל ה. קאָרן

ווי אַ מויל פאַרזיגלט מיט אַ קוש, אַ לעצטן
איז דער טייך געוואָרן אַזוי שטיל־פאַרטראַכט,
בעת ער היט דעם זילבערדיקן שימער פון די שטערן,
וואָס ס'האָט אין נאַכטוואַנדל פאַריתומטן און שווערן
פאַרלוירן די נאַכט.

ער פאַרדעקט די שטערן מיט פאַלדן פון די כוואַליעס,
די נאַכט זאָל זיי נישט קענען מער געפינען,
זיי זאָלן זיך פאַרפלאַנצן אין זיין גרונט, דעם טונקלען
אין אַ געהיימען בונד, און אין זיין טיפקייט פינקלען
מיט אייביקן באַגינען.

נאָר די וואָראָזשקע־ווערבע שעפּטשעט מיט די בלעטער,
שטרעקט ווי אַ האַנט איר צווייג צום שימערנדיקן שיין,
וויל איינזאַמלען די שטערן איידער ס'ווערט צו שפּעט
פאַר לייטערנדיקן טרויער, דערלייזנדיק געבעט
ערב דעם פאַרגיין.

*

אפרים אויערבאַך

## פיר נביאים — זייער בילדלעכקייט

קודם, עטלעכע מימרות פון אונזערע חכמים:

נבואה שהוצרכה לדורות נכתבה, ושלא הוצרכה לדורות לא נכתבה (מגילה י"ד). אויף אידיש הייסט עס: די נבואה, וואָס איז נויטיק געווען פאַר דורות שפּעטער, איז פאַרשריבן געוואָרן, און וואָס איז נישט נויטיק פאַר דורות שפּעטער, איז נישט פאַרשריבן געוואָרן. און דער אייגענער געדאַנק אויסגעדריקט אַנדערש: בשם ר' שמואל בר' יצחק: ששים רבוא נביאים עמדו להם לישראל בימי אליהו, ולמה לא נתפרסמה נביאותן? שלא היה צורך לדורות (אין אליהו'ס טעג זיינען אין ישראל אויפגעשטאַנען זעקס הונדערט טויזנט נביאים. פאַרוואָס זיינען זייערע נבואות נישט נתפרסם געוואָרן? דערפאַר וואָס זיי זיינען נישט געווען נויטיק פאַר דורות שפּעטער).

לערנען מיר דערפון, אַז די חכמים אונזערע האָבן געהאַלטן, אַז נבואה איז נישט געווען נאָר פאַר דער צייט, בעת זי איז געזאָגט געוואָרן, נאָר פאַר די דורות. אין נבואה זיינען דאָ אייביקע אמתן, זי ווירקט לדורות. אָבער אַפילו אויף דער קינסטלערישער זייט פון דער נבואה געפינען מיר אויך אַ רמז: למה נקרא שמו עמוס? אמר ר' פנחס: שהיה עמוס בלשונו. — פאַרוואָס האָט מען אים גערופן עמוס? האָט ר' פנחס געזאָגט: דערפאַר וואָס ער איז געווען באַלאָדן מיטן לשון זיינעם. „באַלאָדן מיטן לשון זיינעם" איז דער רמז אויף דער רייכקייט פון זיין שפּראַך, אויף דער קינסטלערישער באַלאָדנקייט. אַפילו אויף דעם חילוק פון די נביאים'ס אָפּשטאַם געפינען מיר אויך אַ רמז אין חגיגה: למה יחזקאל דומה? לבן כפר שראה את המלך.

ולמה ישעיה דומה? לבן כרך שראה את המלך. — צו וואָס איז יחזקאל געגליכן? צו אַ דאָרפסמענטשן, וואָס האָט געזען דעם מלך. און צו וואָס איז ישעיה געגליכן? צו אַ גרויסשטאָטישן מענטשן, וואָס האָט געזען דעם מלך.

א.

אין דער פּאָעזיע איז אַן אייביקער וויכוח, צי זי דאַרף זיין איינגעוואָרצלט אין די פּערזענלעכע דערפאַרונגען פונעם פּאָעט, צי זי דאַרף זיין אַבסטראַקט. מיר דאַכט זיך, אַז ביי אַן אמתן פּאָעט מוזן מיר שפּירן, אַפילו זען, דאָס פּערזענלעכע לעבן זיינס, דעם אָפּשטאַם זיינעם, די לופט, וואָס מיט איר האָט ער געאָטעמט. ביי אַן אמתן פּאָעט קענען מיר צונויפשטעלן אַ קינסטלערישע ביאָגראַפיע זיינע, אַפילו אַז מיר זאָלן נישט וויסן פונוואַנעט ער קומט אַרויס. דער פּאָעט אַנטפּלעקט זיך אַליין, ער גיט זיך אַרויס. אינעם בילד זיינעם, אינעם אימאַזש, אינעם אופן ווי ער בויגט דאָס וואָרט, איז דאָ די יחידישע באַזונדערקייט זיינע, די פּסיכיש־ביאָגראַפישע דערפאַרונג זיינע. צו קרעפטיקן אָט דעם געדאַנק, האָב איך גענומען די פיר נביאים און געפּרוווט געפינען זייער באַזונדערקייט, וואָס טיילט־אָפּ איינעם פונעם אַנדערן.

אַז מיר נעמען די נבואה, זעען מיר, ווי זי איז דורכגעדרונגען מיט איין גייסט: מיטן דראַנג צו גערעכטיקייט; מיט טיף־נאַציאָנאַלן אחריות; מיט ליבשאַפט צום פאָלק, וואָס דערגייט אַ סך מאָל צו ווייטיקדיקער שנאה; מיט פאָלק־צוגעבונדנקייט, וואָס איז צו דער אייגענער צייט אוניווערסאַל־מענטשלעכע צוגעבונדנקייט. נישט אַלע אַטריבוטן וועל איך דאָ אויסרעכענען, נאָר די עטלעכע זיינען, דאַכט זיך מיר, גענוג צו כאַראַקטעריזירן די נבואה, די נביאישע אַנטפּלעקונג ביי אונז. ביזן היינטיקן טאָג איז נאָך די וועלט נישט דערגאַנגען צו פאַרשטיין וויאַזוי אַזאַ גראַנדיעזע, אומפאַרשטענדלעך־שעפערישע דערשיינונג איז געקומען אויף דער וועלט און, פאַרוואָס דאָס אידישע פאָלק האָט זוכה געווען, אַז דורך אים זאָל די אַנטפּלעקונג קומען. ביי היינטיקן טאָג איז נישטאָ כמעט קיין איינער, וואָס זאָל נישט זאָגן, אַז די נבואה־דערשיינונג איז געווען אַן איינמאָליקע, אַז זי האָט זיך מער נישט אַנטפּלעקט ביי אידן, און אַוודאי נישט ביי אַן אַנדער פאָלק.

מיר זאָגן אַמאָל אויף איינעם: ער איז אַ נביא... מיר באַגרייפן אָבער נישט ווי ווייט מיר גרייזן דערמיט. אַ נביא איז נישט דער, וואָס זאָגט פאָרויס און טרעפט. אַ נביא איז אויך נישט דער, וואָס מאָנט יושר, אָדער וואָס שטראָפט די, וואָס באַגייען אומרעכט. אַ נביא, אָדער ריכטיקער וואָלט געווען צו זאָגן — נבואה, איז אַ קאָמפּלעקס פון דעם אַלעמען, מיט נאָך עפּעס. דער עפּעס, וואָס מיר פאַרשטייען אים נישט, וואָס מיר שפּירן אים, אָבער באַשיידן אים זיינען מיר נישט ביכולת, — אָט דער עפּעס טיילט־אָפּ דעם נביא פון דעם פּאָעט; פונעם טראַכטער; פונעם סאַמע ליידנשאַפטלעכן מאָנער פאַר יושר.

איז נישט שייך צו זאָגן, אַז נביאות איז אַ דערשיינונג, וואָס ליגט אין תחום פון אונזערע באַגריפן. מיר האָבן געטראָפן מענטשן, וואָס זיינען געבענטשט מיט אַזאַ סענסיטיווקייט, אַז זיי דערהערן אַפילו די געדאַנקען ביים אַנדערן מענטשן. זיינען זיי אַ רעטעניש פאַר אונז, אָבער קיין נביאים זיינען זיי נישט. וואָרעם דער נביא איז טאַקע געווען געבענטשט מיט אַ געטלעכער סענסיטיווקייט, אָבער נישט דאָס האָט אים געמאַכט פאַר אַ נביא, נאָר עפּעס אַנדערש. וואָס איז דער עפּעס אַנדערש? פאָרשער, באַזונדערס די



ביבל־קריטיקער פון אַ באַשטימטער שולע, — לאָמיר זאָגן דער דייטשער, — האָבן געפּרוווט דערפירן די נבואה צו אַ פּשוטער פאָרמולע. זיי האָבן אָנגעוויזן אויף די פּאָליטישע און סאָציאַלע געשעענישן אין דער עפּאָכע פון דעם נביא, אָדער יענעם, און מיט אותות ומופתים באַוויזן, אַז דער נביא איז געווען אַ פּאָליטיקער און אַ שאַרפער סאָציאַלער מאָנער. דערמיט זיינען זיי, די ביבל־קריטיקער, אָפּגעקומען. זיי האָבן געמיינט, אַז זיי האָבן שוין אַנטפּלעקט דעם סוד פון דער נבואה. נאָר גאָר גיך האָט מען זיך אַרומגעקוקט, אַז דער סוד איז אויסגערונען. זייער כוונה, צו דערפירן די נבואה צו אַ פּשוטער דערשיינונג, האָט געהאַט דעם בייגעשמאַק פון ראַפינירטן אַנטי: אָדער פּשוטן אַנטיסעמיטיזם, אָדער פאַרפלאָנטערטער אַנטי־אידישקייט.

אויפגעשטאַנען זיינען אַנדערע און געפרעגט אַ פּשוטע קשיא: אויב נבואה איז געווען פּאָליטישער פּאַטאָס, זיינען געווען ווייניק פּאָליטיקער אין די אַנטיקע צייטן, וואָס האָבן אויך געוואָרנט זייערע פעלקער, אָבער קיין נביאים זיינען זיי נישט געווען? אַפילו די ביבל־קריטיקער דערוועגן זיך נישט זיי צו באַצייכענען פאַר נביאים. און וואָס איז שייך דער מאָנונג פון יושר, זיינען אין דער וועלט געווען נאָך אַזעלכע מאָנערס, אָבער קיינעם וועט נישט איינפאַלן זיי צו רופן נביאים. הייסט עס, אַז מיר קומען צום סאַמע אָנהויב, ווי מיר האָבן געזאָגט, אַז די פּשוטע אַטריבוטן, וואָס מען שרייבט־צו דעם נביא, זיינען דורכאויס אמתע. נאָר דאָס אַליין איז נאָך אַלץ נישט דער נביא, עס איז נאָך דאָ עפּעס אַנדערש, וואָס האָט די נבואה געמאַכט פאַר אַן איינמאָליקער דערשיינונג אין דער וועלט און וואָס מיר הויבן אַפילו נישט אָן צו פאַרשטיין וואָס דער „עפּעס אַנדערש" איז. אין דער היינטיקער צייט, ווען די וויסנשאַפט האָט שוין אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אין די סאַמע העכסטע ספערן פון דער פיזישער וועלט, זעען מיר ערשט וויפל טיפער עס זיינען גייסטיקע דערשיינונגען, און ווי שווערער עס איז זיי דורכצודרינגען.

ב.

עמוס, דער ערשטער פון די גרויסע נביאים, איז געווען אַ פּאַסטעך, ער איז אויפגעוואַקסן אין תקוע, ביים ברעג פון דער מדבר. איז דער תוך פון זיין נביאות אַן עטיש־מאָנענדיקער, אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישער, אָבער דאָס בילדלעכקייט זיינס איז לרוב איינגעוואָרצלט אין דער סביבה, וואָס פון איר איז ער אַרויסגעוואַקסן. דער סאַמע אַריינפאָר זיינער זאָגט שוין אָן, אַז ער איז געווען אַ פּאַסטעך. ער זאָגט:

ה׳ מציון ישאג ומירושלים יתן קולו. וואָס עפּעס וועט גאָט שרייען פון ציון און פון ירושלים וועט ער געבן זיין קול? דער פּאַסטעך, וואָס פּיטערט זיינע שאָף, ווערט אַ סך מאָל באַפאַלן פונעם פּחד, אַז ער הערט דאָס געשריי פון פאַרצוקנדיקע חיות. אין דער צווייטער העלפט פון דעם פּסוק ווערט דאָס פּאַסטעך־בילד נאָך קאָנקרעטער: ואבלו נאות הרועים, ויבש הר הכרמל — און אבל'ען, טרויערקלאָגן, וועלן די פּאַשע־לאָנקעס און אויסטריקענען וועט דער שפּיץ פונעם כרמל.

לאָמיר נעמען די ערשטע זעאונג זיינע: „אַזוי האָט מיר געוויזן גאָט דער האַר: און אָט, ער באַשאַפט אַ היישעריק ביים אָנהויב פונעם שפּעטוואוקס, און זע, עס איז דער שפּעטוואוקס נאָכן קיניגס שניט. און עס וועט זיין, אַז ער וועט האָבן אויפגעפרעסן דאָס גראָז פון לאַנד"... פאַרן פּאַסטעך איז „דאָס גראָז פון לאַנד" דער לעבנס־אַנהאַלט, די שטראָף זעט

דער פּאַסטעך־נביא אין דער אייגענער פּסיכישער איבערלעבונג, ער שאַפֿט דאָס פּאָעטישע בילד וואָס איז אים אייגן.

די צווייטע זעאונג ביי עמוס׳ן איז, ווי אַ פֿייער עסט־אויף דאָס לאַנד. ווידער איז דאָס בילד גענומען פֿון אייגענער דערפֿאַרונג, וואָרעם נישט איינמאָל טרעפֿט אַז אַ פֿייער זאָל אויפֿעסן די פּאַשע־פֿעלדער און די סטאַדעס זאָלן נישט האָבן אויף וואָס זיך צו פֿיטערן. דאָס דריטע בילד, וואָס איז שוין נישט דירעקט פֿון דער פּאַסטעך־דערפֿאַרונג, איז עס אָבער נאָענט צום פֿעלד־לעבן: אַ קאָרב מיט זומער־אויבסט, וואָס גאָט האָט אים געוויזן אין אַ זעאונג. אַז עמוס הערט אין זיך גאָטס רוף, איבערצולאָזן די סטאַדע שאָף און גיין רעדן צום פֿאָלק, דריקט ער זיך אויס אַזוי: „אַ לייב האָט געברומט, ווער ווערט נישט דערשראָקן? גאָט מיין האַר האָט גערעדט, ווער וועט נישט נביאות זאָגן?“ ער איז אויסגעוואַקסן אויפֿן ברעג פֿון מדבר, לייבן זיינען דאָרטן געווען אָפֿטע, בייזע געסט, וואַקסט ביי אים נאַטירלעך אַרויס דאָס בילד פֿונעם ברומענדיקן לייב צו פֿאַרגלייכן עס מיט גאָטס רוף צו אים.

אינטערעסאַנט איז, אַז ווען ער זאָגט נביאות אויפֿן אומקום פֿון יהודה און רעכנט־אויס די זינד פֿון יהודה, זאָגט ער: „אויף פֿאַר׳משכונ׳טע קליידער ציען זיי זיך אויס לעבן יעדער מזבח“. דער אָרעמער פּאַסטעך דאַרף אָפֿט פֿאַר׳משכונ׳ען זיינע קליידער און די זינד זעט עמוס, ווי דער רייכער ציט זיך אויס אויף די קליידער פֿונעם אָרעמאַן. דער פּאַסטעך איז אויך נאָענט צום פֿויער און באַלד גיט עמוס איינס פֿון די וואונדערלעכסטע בילדער אין דער פּאָעזיע: „זעט, איך וועל מאַכן קרעכצן אונטער אייך, ווי עס קרעכצט אַ וואָגן פֿול מיט גאַרבן“. אַז ער וויל באַמאָלן דאָס רייכע לעבן, זאָגט ער: „זיי ליגן אויף בעטן פֿון העלפֿאַנטביין, אויסגעצויגן אויף זייערע געלעגערס, און עסן פֿעטע לעמער פֿון סטאַדע, און געשטאָפּטע קעלבער פֿון שטאַל“. דאָס זיינען אַלץ בילדער, וואָס זיינען היימיש דעם פּאַסטעך, זיי וואַקסן אַרויס פֿון זיין פּאָעטישער דערפֿאַרונג.

און לאָמיר זען, ווי ער זעט בילדלעך גערעכטיקייט, יושר: „זאָל רעכט קוועלן ווי אַ וואַסער, און גערעכטיקייט — ווי אַ מעכטיקער קוואַל“. פֿאַרן פּאַסטעך איז וואַסער, וואָס קוועלט, דאָס טייערסטע געשאַנק און דער נביא, וואָס איז אַליין געווען אַ פּאַסטעך, אָטעמט־אַריין זיין סביבה אין דער זעאונג פֿון גערעכטיקייט.

מערקווירדיק איז דאָס בילד פֿונעם חורבן. דער נביא פֿון תקוע וויל איבערגעבן, אַז נאָר ווייניקע וועלן בלייבן, זאָגט ער עס אויף אַזאַ שטייגער: „ווי דער פּאַסטעך ראַטעוועט פֿונעם לייבס מויל צוויי קני, אַ שטיקל אויער, אַזוי וועלן זיך ראַטעווען די בני־ישראל“. רעד איך דאָ נישט פֿון דער גרויסער פּאָעזיע, נאָר פֿון דער פּאַסטעך־וויזיע, וואָס דער נביא האָט איבערגעטראָגן אויף די טרויעריקע וויזיעס פֿון חורבן און שטראָף. אינטערעסאַנט איז אויך, וואָס עמוס רעדט די גאַנצע צייט פֿונעם „טויער אין שטאָט“. דאָ איז ער אויך געטריי זיין אייגענער דערפֿאַרונג: אינעם קליינעם שטעטל תקוע איז דער שטאָטישער טויער געווען דאָס פֿאַרזאַמל־אָרט, וואו די ריכטער האָבן אויסגעטיילט גערעכטיקייט און וואוהין קהלישע עסקים האָט מען געבראַכט.

אַז דער כהן אמציה וואָרנט עמוס׳ן קעגן ירבעמ׳ס צאָרן, זאָגט עמוס: נישט קיין נביא בין איך און נישט דער זון פֿון אַ נביא, נאָר אַ פּאַסטעך



און אַ צוריכטער פֿון ווילדע פֿייגן. און באַלד נאָכדעם קומט דאָס בילד פֿון „אַ קאָרב זומער־אויבסטן“. איר זעט באַלד, ווי די וויזיע זיינע איז צונויפֿגעזונגען מיט דער גערטנעריי, וואָס מיט איר האָט ער זיך פֿאַרנומען.

אַוודאי, עמוס האָט געשעפּט זיינע וויזיעס אויך פֿון אַנדערע קוואַלן, אָבער כאַראַקטעריסטיש איז, אַז ווען גאָט ווייזט אים וויזיעס ווי אויף אידן וועט קומען שטראָף, זאָגט דער נביא: ווי וועט ער אויסהאַלטן? ער איז דאָך אַזוי קליין. דאָס רחמנות עמוסעס איז פֿון אַ פּאַסטעך צו אַ קליינעם לעמעלע. און ווידער, אַז ער רעדט פֿון אידן, וואָס פֿאַרלאָזן זיך אויף זיך אַליין, גיט ער אַזאַ בילד: די וואָס פֿרייען זיך מיט גאָרנישט, וואָס זאָגן „מיט אונזער שטאַרקייט האָבן מיר זיך גענומען הערנער“...

ג.

די טרייב־קראַפֿט אין ישעיה׳ן איז געווען די אייגענע וואָס אין עמוס׳ן, — די הויכע עטיק און דער אָנשפּאַר אויף גאָט. אָבער ווי אַנדערש די ביידע נביאים זיינען געווען אין זייער אויסדרוק, ווי פֿאַרשידן עס איז זייער בילדלעכקייט. ישעיה האָט געשטאַמט פֿון דער העכסטער אַריסטאָקראַטיע אין יהודה, אַ סברא אַז ער איז געווען אַ פּרינץ, און באַלד ביים סאַמע אָנהויב איז דער טאָן זיינער אַ דערהויבענער, אַ פֿייערלעכער:

„חזון ישעיהו בן אָמוץ — די זעאונג פֿון ישעיה, דער זון פֿון אָמוץ, וואָס געזען האָט ער אויף יהודה און ירושלים“. דער אויסדרוק איז דאָ אַ פֿייערלעכער, אַ זיכערער אין זיך, אַ מין פּרינצלעכער. אינטערעסאַנט איז דאָ דער פּאַראַלעל צווישן די וויזיעס ביי ישעיה׳ן און ביי ירמיה׳ן, ווען זיי האָבן דערשפּירט אין זיך דעם דראַנג צו גיין צום פֿאָלק און נביאות־זאָגן. ביי ירמיה׳ן, אַז ער זעט די וויזיע פֿון גאָטס שליחות, זאָגט גאָט צו אים: „אָט האָב איך אַריינגעלייגט מיינע ווערטער אין דיין מויל“. עס איז פּשוט, עס פֿאַרמאָגט נישט קיין הויכן טאָן. ישעיה אָבער דערציילט פֿון זיין וויזיע, אַז „עס איז צוגעפֿלויגן צו מיר איינער פֿון זיינע שרפֿים און אין זיין האַנט איז געווען אַ פֿייערצוואַנג, גענומען פֿון מזבח, און ער האָט צוגערירט צו מיין מויל און געזאָגט: אָט האָט עס אָנגערירט אויף דיינע ליפּן, און אָפּגעטאָן האָט זיך דיין שולד, און דיין זינד איז פֿאַרגעבן“. דער פּרינץ ישעיה האָט די וויזיע פֿון גאָטס שליחות אויסגעפּוצט, דעקאָרירט, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ נביא פֿון אַזאַ הויכן אָפּשטאַם.

אַז ער הערט גאָטס קול: „וועמען זאָל איך שיקן?“ ענטפֿערט ער באַלד: „אָט בין איך, שיק מיך“. ביי ירמיה׳ן איז דער אָננעם פֿון גאָטס שליחות געווען פֿאַרבונדן מיט ספֿק, מיט טראַגיזם. ביי ישעיה׳ן איז דאָ דאָס באַוואוסטזיין אַז אים דאַרף גאָט שיקן, דאָס פּרינץ־באַוואוסטזיין דערלאָזט אים נישט צו ספֿקן, צי ער איז פּאַסיק פֿאַרן שליחות. און אַז ער וויל רעדן צו אידן, איז דער אויסדרוק זיינער אַ ברייטער: „הערט, הימלען, און לייגצו אַן אויער, ערד“. ער איז אַרויסגעוואַקסן פֿונעם הויכן טאָן אין קעניגלעכן הויף, און דעם הויכן טאָן טראָגט ער אַריבער אין זיין נבואה.

עמוס, ישעיה און ירמיה האָבן געצערנט אויף אידן, וואָס זיי זינדיקן און ברענגען קרבנות, די זינד זייערע אויסצוקויפֿן. אָבער ווי זאָגט עס ישעיה: „ווער בעט איך אַז איר זאָלט צעטרעטן מיינע הויפֿן?“ ווידער איז אין דעם אויסגעשריי דאָ די פּרינצלעכע דערפֿאַרונג, וואָס צערנט אַז אָרעמע־לייט צעטרעטן אים די הויפֿן.

דאָס בילד פֿון חורבן מאָלט ער אַזוי: „און עס וועט ווערן איינגעבויגן

די שטאָלצקייט פון די מענטשן, און ווערן וועט דערנידעריקט די הויכקייט פון די מענער״. שטאָלצקייט, הויכקייט, — אַלץ דערפאַרוגגען פון זיין פּרינצלעכקייט. און די זינד פון ירושלים ווי באַמאָלט ער? „ווייל עס זיינען האָפערדיק די טעכטער פון ירושלים, און זיי גייען פאַרריסן די קעפּ, און ווינקענדיק מיט די אויגן, זיי גייען מיט געציילטע טריט, און מיט זייערע פוסטריט קלינגען זיי״. דאָס איז נישט קיין בילד פון דער אָרעמער ירושלים, נאָר פון דער רייכער, דער אַריסטאָקראַטישער, וואָס דער נביא איז אין איר אויסגעוואַקסן. און פונקט אַזוי שעפּט ער זיין בילדלעכקייט פונעם חורבן, פון דער רייכער סביבה זיינער: „אָנשטאָט בשמים וועט זיין פאַרפוילטקייט, און אָנשטאָט אַ גורט — אַ שטריק, אָנשטאָט האָרקרויזן — אַ פּליך״. דער אָרעמער באַוואוינער פון ירושלים האָט נישט געוואוסט פון בשמים, פון אַ גורט, אָדער האָרקרויזן.

אַז מיר נעמען דאָס וואונדערלעכע בילד פונעם וויינגאָרטן, איז ווידער דאָס אייגענע: „איך וועל זינגען צו מיין פריינט, מיין פריינטס געזאַנג פון זיין וויינגאָרטן. אַ וויינגאָרטן האָט מיין פריינט געהאַט אויף אַ פעטן באַרגשפּיץ. און ער האָט אים צעגראָבן און אויסגעשטיינט, און אים פאַרפלאַנצט מיט טייערע וויינשטאָקן, און אויפגעבויט אַ טורעם אינמיטן, און אויך אַ קעלטער אויסגעהאַקט אין אים. און געהאָפט האָט ער, אַז ער זאָל ברענגען גוטע ווינטרויבן, און געבראַכט האָט ער אומרייפע טרויבן״. אויף „אַ פעטן באַרגשפּיץ״ ביי ירושלים האָט אַ וויינגאָרטן געפלאַנצט נאָר אַ רייכער, נישט קיין אָרעמאַן, בפרט נאָך די טייערע וויינשטאָקן וואָס ער האָט פאַרפלאַנצט און דער קעלטער וואָס ער האָט אויסגעהאַקט. קיין אָרעמער באַוואוינער פון ירושלים האָט זיך אַזאַ לוקסוס נישט געקענט פאַרגינען.

און אַז דער נביא ישעיה שטראָפט ירושלים פאַר דער צעלאָזנקייט, שעפּט ער ווידער די בילדער פון זיין אייגענעם שטייגער לעבן: „ווי צו די, וואָס שטייען־אויף באַגינען, נאָך שאַרפגעטראַנק יאָגן זיי זיך נאָך. ווי צו די, וואָס שפּעטיקן זיך אין נאַכט, ווין צינדט זיי אָן. און גיטאַר און האַרף, פּויק און פלייט, און ווין זיינען זייערע סעודות״. דער פּרינצלעכער אָפּשטאַם ישעיה׳ס האָט אים געגעבן אַ דערהויבענעם טאָן און, אַפילו אין די שטראָפרייד איז אויך דאָ דער אָפּקלאַנג פון זיין אָפּשטאַם. „און די וואָלקנס וועל איך פאַרזאָגן נישט צו רעגענען אויף אים (דעם וויינגאָרטן) קיין רעגן״. דער באַפעלערישער טאָן, אַפילו אַז ער קומט פון גאָט, וואַקסט אויך אַרויס פון דעם נביא׳ס פּרינצלעכער דערפאַרונג.

אַוודאי שטעלן מיר זיך אָפּ ביי דער וויזיע פון אחרית הימים, — איר בילדלעכקייט איז בפירוש גענומען פונעם פויערים און פאַסטעכישן לעבן און, כאָטש עטיש איז זי אין גייסט פון ישעיה׳ס געמיט, איז זי אָבער בילדלעך פרעמדלעך צו זיין אַריסטאָקראַטישן אָפּשטאַם. נאָר אַזויווי די אייגענע אחרית הימים־וויזיע איז אויך דאָ ביי מיכה׳ן, מעגן מיר זיך משער זיין, אַז אויסגעוואַרעמט האָט זיך די וויזיע ביים פויערים־ און פאַסטעך־פאָלק און ביידע, — ישעיה און מיכה, — האָבן זי איבערגענומען ביים פאָלק. דערמיט ווערט די וויזיע נאָך גרעסער, זי ווערט אַ פאָלקס־וויזיע, דער חלום פונעם אידישן פאָלק, נישט דער חלום פון אַ יחיד, אַפילו אַז דער יחיד איז אַ גרויסער נביא.

ד.

ביי ירמיה׳ן, ווידער, קלינגט־אָפּ דער אָפּשטאַם זיינער אויף אַן אַנדער



אופן. ירמיה איז געווען, ווי ער זאָגט אַליין, פון די כהנים אין ענתות און דערפאַר, אַז ער דערציילט ווי גאָט האָט אים איבערגעגעבן דאָס נביאישע שליחות, זאָגט ער, אַז גאָט האָט אים אַזוי געזאָגט: „איידער איך האָב דיך געפורעמט, האָב איך דיך דערקענט און איידער דו ביסט אַרויס פון דער מוטערטראַכט, האָב איך דיך געהייליקט״. כהונה גייט־איבער בירושה, איידער דער כהן „גייט אַרויס פון דער מוטערטראַכט״, איז ער שוין געהייליקט. אַז ער שטראָפט אידן, זאָגט ער: „און איר זענט געקומען און טמא־געמאַכט מיין לאַנד״. דאָס בילד איז ווידער גענומען פון דער כהונה, וואָרעם דער כהן האָט זיך מתעסק־געווען מיט טהרה און טומאה. דאָס בילד פון טומאה טרעפן מיר בכלל ביי ירמיה׳ן אַ סך מאָל, ווי למשל: „ווי קענסטו זאָגן איך בין נישט טמא געוואָרן, נאָך די בעלים בין איך נישט געגאַנגען?״ אָדער: „אַז דו זאָלסט זיך אַפילו וואַשן מיט לויג, און מער זייף, בלייבט די זינד אַ פלעק פאַר מיר, זאָגט גאָט דיין האַר״...

אַ מערקווירדיק בילד, וואָס גענומען איז עס פון דער כהונה, איז ווי ירמיה זאָגט: „די זינד פון יהודה איז פאַרשריבן מיט אַן אייזערנער פען, מיט אַ דימענטענעם שפּיץ; אויסגעקריצט אויף די טאָוולען פון זייער האַרצן, און אויף די ווינקלען פון זייערע מזבחות״. דער כהן־גדול האָט געטראָגן אויף דער ברוסט דעם חושן, די אורים ותומים, וואו עס זיינען געווען אויסגעקריצט סימבאָלן, און פון די דאָזיקע סימבאָלן האָט ירמיה גענומען דאָס בילד פון „אויסגעקריצט אויף די טאָוולען פון זייער האַרצן״. מער פון די אַנדערע נביאים רעדט ירמיה פון כהנים, ער נעמט זיין בילדלעכקייט פון דער כהונה. ירמיה׳ן הייסט גאָט דורכפירן סימבאָלישע אַקטן, וואָס זאָלן אַרויסדרינגען סיי די שטראָף צו די אידן, סיי די טרייסט. די סימבאָלישע אַקטן וואָרצלען טיף אין דער כהונה, דעם כהנ׳ס עבודה איז געווען פול מיט סימבאָלן און, אַז דער נביא, וואָס האָט געשטאַמט פון כהנים, האָט געוואָלט אויף אַ בילדלעכן אופן אַרויסברענגען זיינעם אַ געדאַנק, האָט ער דאָס בילדלעכקייט געשעפּט פון דער כהונה. אַזוי איז דער סימבאָל פונעם גאַרטל, וואָס גאָט האָט אים געהייסן אָנטאָן. דער כהן האָט געטראָגן, ביי דער עבודה, אַ גאַרטל און דער דאָזיקער סימבאָל האָט ירמיה׳ן געדינט אין דער פּאָעטישער וויזיע.

די ערשטע וויזיע ירמיה׳ס, נאָכדעם ווי „גאָט האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט און צוגערירט צו מיין מויל״, איז געווען אַ מאַנדלשטאָק. „און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגן: וואָס זעסטו, ירמיה? האָב איך געזאָגט: אַ מאַנדלשטאָק״. דאָ פירט ער אונז באַלד אַריין אין זיין כהנישן אָפּשטאַם, — דער ערשטער כהן, אהרן, האָט געוואָרפן דעם שטעקן זיינעם און פון אים איז געוואָרן אַ מאַנדלשטאָק. זעען מיר, ווי ביים סאַמע אָנהויב האָט ירמיה מיטגעבראַכט אין זיין פּאָעטיש־נביאישער בילדלעכקייט די כהנים־דערפאַרונג זיינע.

האָב איך שוין פריער געבראַכט, ווי ירמיה האָט געהערט גאָטס זאָג, אַז נאָך ביי דער מאַמען אין בויך האָט ער אים באַשטימט פאַר אַ נביא. ווייטער זעען מיר, ווי אַנדערש ווי ישעיה און עמוס הויבט ער אָן מיט „הקדשתיך, נביא לגוים נתתיך, — געהייליקט האָב איך דיך, פאַר אַ נביא צו די פעלקער האָב איך דיך געגעבן״. איז ווידער אַ בילד פון כהנישער דערפאַרונג, וואָרעם דער כהן איז געווען געהייליקט. דער ווייטערדיקער אויסדרוק, — פאַר אַ נביא האָב איך דיך געגעבן צו די פעלקער, — איז

אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר ירמיה׳ן. ישעיה האָט אָפּגעשטאַמט פון מלוכה־שאַפט, איז כאָטש אין די ווייטערדיקע נבואה׳ס זיינע איז דאָ דער ווענד צו די „פעלקער פון דער וועלט", האָט ער אָבער נישט באַטראַכט זיין שליחות צו זיין אַ נביא פאַר פעלקער, ער איז געווען נאַציאָנאַל אין זיין באַוואוסטזיין. עמוס, ווידער, דער פאַסטעך, וואָס איז צונויפגעבונדן מיט דער ערד, איז אויך אין באַוואוסטזיין, אין דער פּאָעטישער איבערלעבונג זיינער, מער נאַציאָנאַל. דער כהן, מעגן מיר טראַכטן, וואָס זיין וועלט דרייט זיך תמיד אין דער אויסגעפּילטער גאָט־ספערע, איז מער געניגט צו זען די וויזיע פון פעלקער. בפרט נאָך, אַז ווייטער הערט ירמיה גאָטס רייד: ראה הפקדתיך היום על הגוים ועל הממלכות, — איך האָב דיך היינט געגעבן איבער די פעלקער און איבער די קעניגרייכן. די כהן־וויזיע איז אַ ברייטערע, דאָס באַוואוסטזיין גייט אַריבער די גרענעצן פון פאָלק.

מיר דאַרפן אויך אַ טראַכט־טאָן, פאַרוואָס די גרויסע קלאָג־פּאָעמע „איכה ישבה" ווערט צוגעשריבן ירמיה׳ן. איך זאָג צוגעשריבן, ווארעם איך וויל זיך נישט אַריינלאָזן אין די אַלע סברות, צי ירמיה האָט טאַקע געשריבן איכה, צי נישט. נאָר די קלאָג אויפן חורבן, וואָס איז לרוב אויפן חורבן פונעם בית־המקדש, האָט געקענט און געדאַרפט שרייבן אַ כהן־נביא, — טאַקע ירמיה. ווער נאָך האָט געקענט אַזוי הויך־דראַמאַטיש אויסקלאָגן די קלאָג פונעם חרובן בית־המקדש, ווי דער נביא, וואָס האָט זיין בילדלעכקייט געשעפּט פון דער כהונה, דערפאַר וואָס ער האָט געשטאַמט פון כהנים?

ה.

פאַר יחזקאל׳ן שטייען מיר דערציטערטע, דערפאַר וואָס זיינע אַפּאָקאַליפּטישע זעאונגען וואַקסן אַריבער אונזער כח הדמיון. בעת ביי די פריערדיקע דריי נביאים, — עמוס, ישעיה און ירמיה, — קומט דאָס נביאישע שליחות דירעקט פון גאָט און דער אויסדרוק איז אַ פּאָעטיש־בילדלעכער, אָבער אַ מענטשלעך־פּשוטער, איז ביי יחזקאל׳ן דאָס שליחות זיינס פון אָנהויב־אָן פאַרבונדן מיט אומערדישע וויזיעס. יחזקאל הויבט באַלד אָן מיט קוקן מער אויפן הימל און אין הימל, ווי אויף דער ערד. די ערשטע וויזיע זיינע, בעת ער איז געזעסן צווישן די פאַרטריבענע אויפן טייך כבר, איז פון פיר חיות, וואָס ער מאָלט אויס מיט גרויס־קינסטלערישער פּרטימדיקייט. חיות־מענטש, חיות־פייגל, חיות־נישטדאָאיקע. און אַז ער דאַרף איבערנעמען דאָס שליחות פון נבואה, שטרעקט זיך אים אויס אַ האַנט מיט אַ מגילה און אַ קול זאָגט אים, אַז ער זאָל די מגילה אויפעסן. אַזאַ אָפּווענד פון אַלע אַנדערע נביאישע אָנהויבן איז נישט שייך אויסצוטייטשן, — פירושים זיינען מסתמא דאָ אַ סך, — נאָר אים מוז מען פאַרשטיין פּאָעטיש.

יחזקאל איז געווען דער ערשטער נביא פון גלות. ער האָט שוין נישט געלעבט אויף דער אייגענער ערד. דאָס לאַנד, וואָס פון דעם איז ער פאַרטריבן געוואָרן, האָט איבערגעלעבט די לעצטע קאָנוואולסיעס פון מלוכה אונטער צדקיהו׳ן. ער האָט זיך אין זיין בילדלעכקייט נישט געקענט אָנשפּאַרן אויף די קאָנקרעטע בילדער פון לאַנד, מלוכה און אייגענער ערד, ווי די אַנדערע נביאים. זיין פּאָעטישע פאַנטאַזיע איז שוין געווען געווענדט צום הימל. דאָס אויפגערודערטע געמיט זיינס האָט געזען, ווי דער הימל האָט זיך פאַר אים געעפנט. דער סימבאָליזם זיינער איז שוין געווען אַ ריין־פאַנטאַסטישער, אַפילו אַן עקזאַלטירטער.

דער צייכן פון גלות איז דאָ אַפילו אין די רייד פון גאָט, וואָס זאָגט אים:



„וואָרעם נישט צו אַ פאָלק מיט אַ טונקעלער שפּראַך און אַ שווערער צונג ווערסטו געשיקט, נייערט צום פאָלק ישראל; נישט צו פעלקער אַ סך, מיט אַ טונקעלער שפּראַך און אַ שווערער צונג, וואָס דו פאַרשטייסט נישט זייערע ווערטער"... ווער איז דאָס פאָלק מיט „דער טונקעלער שפּראַך"? דער נביא איז אין דער פרעמד, אין גלות. ער פאַרשטייט נישט דאָס לשון פונעם לאַנד. ווייטער, בבל איז געווען צונויפגעשטעלט פון אַ סך פעלקער, וואָס יחזקאל זאָגט אויף זיך, אַז ער פאַרשטייט נישט זייערע ווערטער. דאָ רעדט שוין אַן אַנדער נביא, אַן אַנדער פּאָעטישער אויסדרוק, — דער גלות איז דער וואָרצל פון זיינע זעאונגען, פון זיין בילדלעכקייט.

דער עטישער אויסדרוק יחזקאל׳ס איז אויך אַן אַנדערער, ווי ביי די פריערדיקע נביאים. ער ווענדט זיך אָפּ פונעם כלל צום יחיד. ער איז אַ גרויסער מאָנער פאַר סאָציאַלן יושר, אָבער ראשית, רעדט ער אַ סך פון זינד קעגן גאָט און שנית, מאָנט ער יושר ביים יחיד, נישט ביים פאָלק. קיין פאָלק איז נישטאָ אין גלות, דער איינציקער איד איז דאָ. דערפאַר איז ביי יחזקאל׳ן אַלעמאָל דאָ דער ווענד „בן אדם", — צום מענטש רעדט ער.

יחזקאל רעדט מיט כעס פון די איבערגעבליבענע אידן אין יהודה, וואו די מלוכה האָט זיך נאָך געהאַלטן. די שולד פאַר זיין אייגענעם גורל זעט ער אין די זינד פון אידן, וואָס וואוינען נאָך אין לאַנד און פאַראַוועןן נאָך מלוכה׳שאַפט, נאָר זיי זיינען פול מיט זינד. קיין איין נביא האָט נישט גערעדט מיט אַזויפיל בייזקייט, ווי יחזקאל. דאָס גלות׳דיקע געמיט האָט פון אים אַרויסגערעדט, דאָס גלות׳דיקע געמיט האָט אים דערהויבן צו די אַפּאָקאַליפּטישע וויזיעס.

אָבער דער גלות האָט אים געבראַכט אויך אַנדערע וויזיעס, ווי די וויזיע פון די טרוקענע ביינער. דאָס גלות׳דיקע געמיט האָט פון אים אַרויסגעוויינט דאָס געוויין: „ווי, גאָט דו האַר, ווילסטו אַ פאַרלענדונג ברענגען אויפן איבערבלייב פון ישראל?"

יחזקאל׳ס פּאָעטישע דערפאַרונג איז אַ גייסטיקע, זיין בילדלעכקייט איז גייסטיק־פאַנטאַסטיש, ער איז דער פּאָעט פון גלות׳דיקע וויזיעס.

*

גבריאל פרייל

# לידער

## פויגל אין האַנט

די שאָטנס אויפן לייוונט זיינען פון אַמאָל.
גרויהאָריק זיינען איצט אינגלעך פון אַמאָל, —
און איך צווישןביידן בין ניט שאָטן, ניט אינגל,
נאָר איינער וואָס ווייס אַז די נעפּלען
אין די שפּיגלען פון אַמאָל
זיינען צערונען,
אַז די שפּיגלען פינסטערן
אין אַלץ־זעעוודיקן תהום.
די שעה וואָס איך פאַרמאָג **איצט**
איז אַ שטאַרבנדיקער פויגל
אין מיין נאָך־זינגעוודיקער האַנט.

## אונטער דעם זעלבן צייכן

1

נאַכט. איך טרינק שוואַרץ־רויכיקן כינעזישן טיי.
דאָס טעפּל איז מיט בלומען באַמאָלן,
באַצירט מיט געשטאַלטן פון שפּילער.
אין אַ טעלערל ווי אַ קליין־וואַסערל שטיל
בלאַנקט־אויף דער ווייסער רייז,
פון אַ ליולקע ווינקט דער טאַבאַק
פאַרטונקלט, שמעקיק גאָלד.

מיינע געדאַנקען רוען ווי פויגלען אויפן בוים־צווייג.
מיינע פיס רוען נאָכן באַטרעטן
די פעלדער פון ניט־זיין.

2

איך בין אַ מענטש שוין פון יוגנט פאַרלאָזן.
איך זיץ מיר אַזוי פאַרנאַכט־צו אין ברוקלין
ווי עס זיינען פאַר מיר געזעסן
אין זייערע פאַרשידנאַרטיקע ברוקלינס
אַנדערע מענטשן:
אויך זיי האָבן זאַכן פאַרטראַכט מיטן זעלבן קנייטש
וואָס האָט די שאַרבנס צעאַקערט,
זייער מויל ווי מיינער האָט האַפטיק צי געדאַכטיק
מיט ווייטיק זיך געקרימט.

נאָר צו מיר האָט נאָך דערווייל פון זיינע בערג
ניט אַראָפּגענידערט מילד
דער מייסטער פון ניט־זיין.

### ביאָגראַפיע

ער איז אַ יעגער, דערשעפּט
פון זיין זיגערישן טאָג,
נאָר אויף זיין אָוונט־שוועל
איז ער געבליבן שטיין באַזיגט.
אין זיין צימער, אינעם שפּיגל
האָט ער קיין געפאַנגענע זאַך געזען;
אין זיין צימער, אינעם שפּיגל
האָט ער זיך געפאַנגען דערזען.

פייל־און־בויגן טעג ביז מיסיל־צייטן
פלאַמען צוזאַמען אין זיינע אָדערן
באַרירטע פון דער אַלייניקער שעה;
ווי אַ טייך צופיל פאַרשטילט
פליסט אַ נאָכגיביקייט אין אים;



און אַלע לויער־ערטער טוען זיך אָפּ
פון זיין ווילד־געדיכטן וואַלד.

ווען דער יעגער וואַכט אויף און גייט אַרויס
צו זיין נאָך דעמערנדיקן מאָרגן
פאַרנעמט פלוצלינג ווידער זיין אויער
דאָס שאַלן פון אַ גאָלדענעם האָרן,
ליבט ווידער זיין אויג אַ גרינלאַנד
מיט טיפן רויט באַשפּריצט.
בלויז מיטן צוריקקום פונעם אָוונט,
פאַר אים אַ געטראַנק שאָטנדיק ווייך,
טויכן אויף אַלע מחנות יעגערס —
געפאַנגענע אויפן שאַרף פון אייגענעם שטומקייט־גזר,
פאַלנדיקע אויפן שווערד פון אייגענעם זכרון.

*

שמחה לעוו

## מענדעלעס רמזים

(צווייטער אַרטיקל)

מענדעלע האָט געשילדערט דאָס אידישע כלל־לעבן. דער יחיד איז ביי אים בבחינת משל פאַרן כלל. כנסת ישראל איז ביי אים דער עיקר. פיר גרונט־שטריכן פון אידישן כלל־לעבן האָט מענדעלע דורך זיינע שילדערונגען אַרויסגעבראַכט: א) אידישע בענקענישן צו גאולה, דאָס וואַרטן אויף ביאת המשיח; ב) אידישע צדקה גדולה, אָדער ווי מענדעלע רופט עס, די אידישע טאָרבע; ג) איינהייטלעכקייט פון אידישן שטייגער און לעבנס־נוסח; ד) אוממעגלעכקייט פון אַ אידן צו אַנטלויפן פון אידישן גורל. מען פּרוּווט זיך אַרויסרייסן און מען קומט צוריק.

### משיחישע בענקענישן

מענדעלעס העלדן זיינען דורכגעדרונגען מיט אַ טיפער האָפענונג פון ביאת המשיח. דער „אני מאמין בביאת המשיח" איז ביי אידן, לערנט אונז מענדעלע, אַ טיפע עמאָציאָנעלע איבערלעבונג. עס איז מער ווי ווירקלעכקייט. עס דרינגט דורך דעם אידן פון קאָפּ ביז די פיס. עס באַהערשט דעם דערוואָקסענעם און עס איז אַן אינטים־פּסיכישע איבערלעבונג ביים קינד. אַ איד לעבט „פון געבוירן ביז פאַרלוירן" מיט דער משיח־אידייע.

„עטלעכע אינגלעך האָבן... זיך געשוואוירן, ווי זיי זיינען אידישע קינדער, זיי זאָלן אַזוי הערן שופר של משיח" — דאָס איז די שבועה זייערע. „היינט איז טאַקע נאָר, פאַרשטייט איר מיך, משיח־צייט... דאָס היינטיקע זעקס־טויזנדיקע יאָר איז גאָטס פרייטיק... און שוין דאָ אַלע סימנים, משיח גייט, משיח וועט באַלד קומען". דאָס זיינען צוויי אויסצוגן פון „ווינטשפינגערל". זיי לאָזן אונז הערן אַ דורכאויסיקע בענקעניש צו גאולה. ביי קינדער איז עס אַ שבועה צו באַפעסטיקן אַ מעשה וואָס מען דערציילט; ביי דערוואָקסענע איז דאָס אַ טרייסט, ווען די קעשענע איז אויסגעליידיקט פון דער לעצטער פּרוטה. סיי ביי קינדער, סיי ביי דערוואָקסענע קומט כסדר

צום אויסדרוק זייער דראַנג צו גאולה, וואָס איז פאַרבונדן מיטן באַגריף פון ביאת המשיח.

די שטרעבונג צו גאולה, וואָס אויפן ערשטן אויגנבליק זעט אויס, אַז מענדעלע שילדערט זי מיט אַ היפּש ביסל איראָניע, אָבער, ווייל ער חזרט דאָס איבער אין יעדער דערציילונג וואָס ער דערציילט און אין יעדער שילדערונג וואָס ער שילדערט, לערנט אונז מענדעלע, אַז גאולה־באַשטרעבונגען זיינען אַ כאַראַקטער־שטריך פון אַ אידן ווייל ער איז אַ איד. פון דעם קוק־ווינקל אַרויס באַקומען די צוויי פּערסאָנאַזשן, ר׳ בנימין השלישי און סענדערל די אידענע, אַ גאָר אַנדער אָפּשיין און קריגן אַן אַנדער פּנים ווי זיי קוקן אויס ווען מען גייט צו זיי צו מיט דער מאָס פון כאַראַקטעריזירן העלדן לויט די אָנגענומענע כללים פון ליטעראַרישער אָפּשאַצונג.

בנימין השלישי איז, ווי מענדעלע כאַראַקטעריזירט אים, אַ איד וואָס לעבט מיט חלומות און איז ניט פון דער וועלט. עס טראָגט זיך אַרום אַ איד מיט אַ ספרל אין האַנט, ווערט פאַרפאַלן אין וואַלד, פאַרבלאָנדזשעט אויף די וועגן פון לעבן, אַ לופטיקער, אַ ניט היגער. דאָס איז ריין אויסערלעך גענומען. דאָס איז ווען מען לייענט מענדעלען ווי אַ מעשה־ביכל. אָבער אַז מען פּרואווט אַ קוק טאָן דעם רמז, דעם מענדעלע וואונק, וואָס איז דער אמתער מענדעלע, — באַקומען מיר אַן אַנדער באַגריף וועגן בנימין השלישי. ער איז די פאַרקערפּערונג פון אידישער בענקעניש נאָך גאולה, נאָך דעם סמבטיון וואָס רוט קיינמאָל ניט און נאָך יענער זייט סמבטיון וואָס געפינט זיך הינטער די הרי חושך. אָט דער דראַנג פון אויפזוכן דאָס לעגענדאַרע לאַנד און די פאַרוואָגלטע ברידער און זיי ברענגען צו גאולה, מאַכט וואַנדערן בנימינען אין וואַלד „אַקעגן אַ דריי תחום־שבתן פון דער שטאָט״. ניט נאָר לאָזט ער זיך אַליין וואָגלען, נאָר ער געפינט אויך אַ בעלן אויף מיטוואָגלען מיט אים — סענדערל די אידענע, אין דער האָפענונג, „טאָמער וועל איך דאָרט, אַ קשיא אויף אַ מעשה, ווערן מלך, וועל איך דיך מאַכן, כ׳לעבן, פאַר אַ משנה למלך״. אין פלוג איז עס אָפּגעריסנקייט, אויסגעוואָרצלטקייט און אויסלאַכעריי אויך — עס איז אַ לעבן אין אויסגעטראַכטע וועלטן, אָבער צוזאַמען דערמיט איז עס אַ דערגיין צו די טיפע קוואַלן וואָס שלאָגן אין פאָלק און נעמען אים דורך מיט אַ שטרעבונג צו אויסלייזונג, צו לאָזן זיך אין וועג אַריין.

„אַ שטיקל באָקסער אין חמישה עשר דאָס איז אַ פּרי וואָס איז מחיה נפשות. קוקנדיק דערויף דערמאָנט מען זיך ארץ ישראל. ניט איינמאָל פאַרגלאָצט מען דערביי די אויגן מיט אַ קרעכץ: אַך, ותוליכנו קוממיות, זאָלסט אונז, האַרציקער פאָטער, פירן קוממיות. וואָס קוממיות הייסט, לארצנו צו אונזער לאַנד, וואָס ציגן עסן דאָרט באָקסערן! על פּי מקרה האָט איינער אַמאָל אין דעם שטעטל גראָד געבראַכט אַ טייטל. האָט איר געדאַרפט זען וויאַזוי מען איז דאָס געלאָפן אָנקוקן אויף חידושים. מען האָט אויפגעמישט אַ חומש און געוויזן אַז תמר, דער טייטל, שטייט אין חומש! סטייטש דער טייטל, אָט דער טייטל וואַקסט דאָך פון ארץ ישראל!... קוקנדיק אויפן טייטל האָט זיך אויסגעדאַכט ארץ ישראל איז פאַר די אויגן. אָט גייט מען איבער דעם ירדן, אָט איז די מערת המכפלה, דער מוטער רחלס קבר, דער כותל מערבי, אָט באָדט מען זיך אין חמי טבריה, מען קריכט אַרויף אויפן הר הזיתים, מען עסט זיך אָן מיט באָקסערן, מיט טייטלען און מען לייגט אָן פולע קעשענעס מיט ארץ ישראל־ערד. אַך, האָט מען געקרעכצט און אין די אויגן האָבן זיך איטלעכן געשטעלט טרערן״.

מען קען ניט פאַרבייגיין ניט צו באַמערקן מענדעלעס אָפּפילן דאָס אידישע לשון. טייטלען וואַקסן ביי אים ניט אין ארץ ישראל, נאָר זיי וואַקסן פון ארץ ישראל. די ארץ ישראלדיקע פּרי — איר אָפּשטאַם איז וויכטיקער ווי



איר ממשותדיקער וואוקס. עס איז אין אַ קליינער ענדערונג פון שפּראַכלעכן ריידנס־אַרט געגעבן די גאַנצע אינטימע צוגעבונדנקייט פון דעם אידן צו ארץ ישראל און צו אַלץ וואָס קומט פון דאָרטן. דער חלום פון „אָנלייגן פולע קעשענעס מיט ארץ־ישראל ערד״ שאַפט אַ שטימונג פון עמאָציאָנעלער אָנגעלאָדנקייט. נאָר מענדעלע האָט געוואוסט דעם סוד וויאַזוי אָנצוניזשען קליינע פּרטים און פון זיי אויספורעמען די האַרץ־באַגערן פון אַ פאָלק וואָס לעבט מיט אַ בענקעניש צו ארץ־ישראל. היינט דאָס וואָרט קוממיות און די פאַרהייליקונג פון תמר, ווייל עס שטייט אין חומש. עס איז ווי מענדעלע וואָלט זאָגן: מיט צוויי גרונט־באַשטרעבונגען לעבט אַ איד — מיט תורה און מיט בענקעניש צו קוממיות. דער טייטש פון קוממיות איז — זעלבסטשטענדיקייט, „אַרויס פון גוישע הענט״.

בנימין השלישי און סענדערל די אידענע זיינען ניט די איינציקע זאַגנען, די שבלים בודדות, וואָס זוכן משיחן. מענדעלע זעט אויך די צוויי ווייבער, טריינע און טאָלצע, וואָס טוען זיך אָן אַלע פאַרנאַכט אין די שבתדיקע בגדים מיט די שטערן־טיכלעך און גייען אַרויס הינטער דער שטאָט באַגעגענען משיחן. אַזוי טאָג־איין, טאָג־אויס. די צוויי ווייבער נעמען אויף בסבר פּנים יפות די צוויי וואַנדערער בנימין השלישי און סענדערל די אידענע. דער משיח־חלום ברענגט ביי מענדעלען שטענדיק צו רעאַלע טואונגען, און די צוויי ווייבער האָבן „זיי אונטערגעאַרבעט זאָקן, פאַרלאַטעט העמדער, צוגענייט בענדלעך״. גלופּסק, ביי מענדעלען, איז אין באַוועגונג. גלופּסק זוכט מקרב הקץ צו זיין. עס איז חלום וואָס זוכט צו ווערן וואָר.

און דאָ קומען מיר צו אַ הויפּט־פּונקט אין מענדעלעס רמזים. מען דאַרף אָפּטיילן שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, דעם משכיל, וואָס לעבט מיט דער אינטערעסן־וועלט פון אידישע אויפגעקלערטע און רעפאָרמער פון אַ הונדערט יאָר צוריק און דעם קינסטלער מענדעלע וואָס שילדערט דאָס אידישע לעבן. דער משכיל האָט אַן איראָנישן שמייכל אויף די ליפּן און לאַכט אָפּ סיי פון בנימינען און זיין באַגלייטער סענדערל, און סיי פון די ווייבער וואָס נעמען זיי אויף. דער קינסטלער מענדעלע זעט אָבער די גרויסע אוצרות וואָס זיינען פאַרבאָרגן אין די נשמות פון זיינע העלדן. ער זעט ווי אַ איד וואָס איז אויסגעטאָן פון דער וועלט און שרעקט זיך פאַר אַ בלאַט וואָס ציטערט אויף אַ בוים, ווינדט איבער געוואוינהייטן, שלאָפט אַליין אין דער ספּיזשאַרניע, וואַנדערט אין די וועלדער, מאַכט זיין ווייב פאַר אַן „עגונה אויף אַ מעת לעת״, לאָזט זיך אין וועג אַריין אָפּזוכן די פאַרלאָרענע שבטים, שלעפּט אַריין אין דער נסיעה סענדערל די אידענע און גייט דורך די שבעה מדורי גיהנום פון אַ רייזע איבער די שטחים פון רוסלאַנד אונטער דער הערשאַפט פון ניקאָלאַי דעם ערשטן.

איז טאַקע זיין אונטערנעמונג פאַרמשפּט אויף דורכפאַל, אָבער די אונטערנעמערישקייט בלייבט, די באַשטרעבונג איז פאַרוואָרצלט אין די טיפעניש פון אידישן האַרץ. „בנימין האָט זיך זייער שיין געזעגנט... און סענדערל האָט געהויבן די פיסלעך און געגאַנגען נאָך אים מיט אַ מאַרש״... — אַזוי פאַרענדיקט מענדעלע זיין באַשרייבונג פון מסעות בנימין השלישי. מענדעלע לאָזט זיינע פאַרשוינען אין מאַרש. מען גייט, מען באַוועגט זיך. איז דאָ ניט פאַראַן קיין רמז אויף אַ פאָלקס־באַוועגונג וואָס איז אין גאַנג? איז בנימינס גאַנג מעבר לסמבטיון ניט קיין אָנזאָג אויפן גאַנג פון פאָלק מעבר לירדן?

מענדעלע דער קינסטלער, אין זיין טיפער אידישקייט, האָט זיך דערגרונטעוועט צו די נצוצי הקדושה פון אידישן כלל. ביי מענדעלען איז צווישן די שורות פאַראַן מער, אַ סך מער, ווי אין די שורות. רמז איז אַ אידישלעכע בויגונג. די משכילישע טעאָריעס און באַשטרעבונגען זיינען געווען טעאָריעס און באַשטרעבונגען פון זייער צייט, כאָטש עלעמענטן פון זייערע איינשטעלונגען לעבן נאָך צווישן אונז. געזעלשאַפטלעכע טעאָריעס שפּיגלען אָפּ דעם דור, זיינע פּערספּעקטיוון און פאַרגייען צוזאַמען מיטן דור, אָבער דאָס קינסטלערישע באַנעמען פון פאָלקס־קוואַליטעטן און נאַציאָנאַל־פּסיכאָלאָגישע אייגנשאַפטן זיינען דויערהאַפטיק און לדורותדיק. מענדעלע האָט זיי געפילט און זיי געבראַכט צום אויסדרוק. מען דאַרף נעמען מענדעלען מיט און דורך זיינע רמזים און נאָר אַזוי קומט מען צו די אוצרות וואָס זיינען פאַרבאָרגן אין מענדעלע דעם קינסטלער. מען מיידט זיך אויס מיט מענדעלען אַז מען געדענקט בלויז שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, דעם משכיל. דערפאַר טאַקע האָבן פרישמאַן, ביאַליק און אפילו אחד העם (וואָס איז ניט געווען קיין גרויסער אָנהענגער פון יפיפותו של יפת) הויך געשאַצט מענדעלען. זיי האָבן געפילט דעם נאַציאָנאַלן פאַרמעגן וואָס איז איינגעזאַמלט אין מענדעלעס כתבים, דעם פאָלקס־אוצר וואָס מענדעלע האָט אַרויסגעבראַכט אָדער אין די שורות, אָדער צווישן די שורות.

אין פישקע דעם קרומען האָט מענדעלע אויפגעהויפט די פאַרבאָרגענע פונקען פון אידישער גייסטיקייט, פון אידישער ליבשאַפט דווקא דאָרטן וואו מען האָט זיך ווייניקער פון אַלץ געקענט ריכטן אויף זיי. דער ספר הקבצנים איז אפשר פון די שענסטע סדרות אין מענדעלעס קינסטלערישן פאַרמעג.

דער סיפור המעשה פון פישקע דעם קרומען ליגט אויף די נידעריקסטע שטאַפּלען פון אידישער אָרעמקייט. פישקע דעם קרומען מאַכט מען חתונה מיט דער בלינדער יתומה בלויז דערפאַר וואָס די חתונה־וועטשערע איז שוין גרייט, און דער וואָס האָט געזאָלט זיין דער חתן האָט אין דער לעצטער מינוט חרטה אויפן שידוך און פאַרשווינדט. פישקע איז, אַזוי צו זאָגן, אַ חתן אַ פאַרטרעטער, אַ חתן „אַ סאָבסטיטוט". אָבער דאָ הויבט זיך אָן אַ מעשה אין אַ מעשה, אויפן שטייגער פון מענדעלען. עס קומען אַרויס די קבצנים מיט זייערע מדרגות, מנהגים, שטייגער. עס רוקן זיך אַוועק אָן אַ זייט אידישע איינגעשטעלטע נוסחאות, אידישע פאַמיליע אָפּגעהיטקייט. עס איז זנות און פאַרברעכן און אונטערוועלט — אַ אידישע אונטערוועלט. אָבער אין דעם זומפּ פון „רויטן ממזר" געפינט מענדעלע אויס אַ דימענט — די ליבע צווישן פישקע דעם קרומען און מרים דער האָרבאַטער, אַ ליבע אַ אידישע, אַ ליבע פון מיטלייד, דורכאויסיקער איבערגעגעבנקייט און צוגעבונדנקייט; אַ ליבע פון שוץ פון דעם הינקעדיקן צו דער האָרבאַטער.

אויב סענדערל די אידענע, דער פאַנטאָפּל־מאַן, איז אַ תמים, דער „דו ווילסט אַזוי, זאָל זיין אַזוי, מיך אַרט ניט" — און צוזאַמען דערמיט דער מענטש וואָס שטייט אויף דער ערד מיט ביידע פיס, גיט זיך אַן עצה אויף זיינע באַשיידענע אופנים אין פאַרפּלאָנטערטע לאַגעס און סיטואַציעס, איז פישקע דער קרומער דער פאַרגעסענער פון גאָט און מענטש. אַ איד מיט קרומע פיס און אַ כבד פה וואָס דרייט זיך אַרום באַד און קיינער קוקט זיך אויף אים ניט אַרום. פישקע אין זיין דערשלאָגנקייט איז נידעריקער פון גראָז און שטילער פון וואַסער. אפילו אין אַ מגפה קימערט זיך קיינער ניט חתונה צו מאַכן פישקען. אָט דעם דערשלאָגענעם און פאַרוואָגלטן אידן האָט



מענדעלע אויסגעקליבן פאַר זיין העלד, און האָט באַוויזן דאָס ליכט פון דער אידישער נשמה. נאָך אַלע יסורים, פּיין און נגישות, וואָס פישקע שטייט אויס פון רויטן ממזר — ער באַרויבט אים פון זיין געלט, נעמט ביי אים צו זיין ווייב, בינדט אים, שלאָגט אים און איז אפילו גרייט אים צו דערהרגענען — טראַכט ניט פישקע וועגן נקמה צו נעמען פון רויטן ממזר, נאָר וועגן אויסלייזן די האָרבאַטע. „מיין לעבן וואָלט איך פאַר איר גערן אַוועקגעגעבן, אַבי זי אויסצולייזן", זאָגט פישקע דער קרומער. און אַז עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די האָרבאַטע איז אַלטער יקנה"זס פאַרלאָזטע טאָכטער פון ערשטן ווייב, און אַלטער יקנה"ז שווערט זיך זי צו געפינען, „שיסט פישקע אויס אויף אַ וויינענדיק קול מיט אַ געבעט: גוואַלד. ראַטעוועט. ראַטעוועט זי!" ניט נקמה, ניט באַצאָלן דעם שלעכטן פאַר זיין שלעכטס, נאָר אַרויסצוראַטעווען די געפייניקטע פון די הענט פון פייניקער, דאָס איז פישקעס ציל. עס איז פדיון שבויים אין דער בלאָטע. מענדעלע האָט דאָ פון אַ באַרג מיסט אַרויסגעזיפּט דעם דימענט, די אידישע מאָראַלע הויכקייטן און נשמהדיקע שיינקייטן. מען געפינט די אידישע אויסגעאיידלטקייטן אומעטום, אפילו צווישן די דערשלאָגנסטע, וואָס דער גורל און דער הימל האָבן זיך אָפּגעקערט פון זיי.

אויב מען וויל איז פישקע אַן אָנוואונק אויף „באָנטשע שוויג" פון י. ל. פּרץ, נאָר מיט מער אידישער מאָראַלישקייט און מיט אַ טיפערער אידישער גייסטיקייט.

בנימין השלישי און פישקע דער קרומער זיינען צוויי זייטן פון דער זעלבער מטבע: אין אָרעמקייט און פּיין הויבן זיך אַרויס די פאַרבאָרגענע אידישע מעלות פון גלויבן אין רעטונג און נישט אויפגעבן די האָפענונג. מענדעלע דער קינסטלער האָט די שטריכן ביי אידן אַרויסגעהויבן. דערפאַר האָט מענדעלען די צייט ניט אָפּגעבליאַקעוועט. ער איז שטענדיק היינטצייטיק. מער ווי מענדעלע האָט דערציילט, האָט ער מרמז געווען — און אין רמז איז דער אמתער מענדעלע.

—

## „דאָס אידישע כישוף־טישטעכל"

מענדעלע האָט געשטעלט אַ טעזע: די איינהייטלעכקייט פון אידישן פאָלק דריקט זיך אויס אין דער צדקה גדולה, דאָס פּינטעלע איד — אין רחמנות, אין דער גרייטקייט פון איין אידן צו העלפן דעם אַנדערן. מענדעלע רופט עס „דאָס אידישע כישוף־טישטעכל", אויף מענדעלעס סאַרקאַסטישן לשון הייסט עס „די אידישע טאָרבע". און כה אמר ר' מענדעלע:

> „פאַר מיינע אויגן שוועבט תמיד אַ טאָרבע — די אַלטע גרויסע אידישע טאָרבע... וואוהין איך זאָל זיך ניט קערן און ווענדן זע איך פאַר מיר די טאָרבע; וואָס איך זאָל ניט וועלן דערציילן און זאָגן קומט מיר אַפּיר די טאָרבע. אוי! אַלץ די טאָרבע, די אידישע טאָרבע!... (הקדמה צו פישקע דער קרומער). פיל נפשות, זייער פיל שפּייזן זיך אידישלעך־גרינג זייער גאַנץ לעבן נאָר פון דער טאָרבע, און לאָזן זי איבער בירושה קינדס־קינדס־קינדער. די טאָרבע איז אין תוך אַריין אַלץ איינע, נאָר ביי פאַרשיידענע קלאַסן מענטשן באַקומט זי אַן אַנדער מין נאָמען. ביים פּראָסטן עולם איז זי פשוט אַ טאָרבע. אַ פּראָסטע לייוונטענע טאָרבע. ביים געהויבענעם עולם אָבער נעמט זי אָן אַלערליי מינים געשטאַלטן, ווי אַ שטייגער: אַ קעסטעלע, אַ קאַראָבקעלע, אַ כלי־קודשל, אַ חברהלע, אַ פּושקעלע, אַ קהליש בייטעלע, אַ גמילת חסדים בענקעלע, אַ מחברישער פּלוידער־זעקעלע וכדומה. די אַלע זיינען באמת טאַקע נאָר טאָרבעס, טאָרבעס, עכטע אידישע טאָרבעס!..." (מסעות בנימין השלישי).

מענדעלע האָט געפילט אי דעם צער אי די טרייסט, אי די געפאַלנקייט אי די דערהויבנקייט פון אידישן פאָלקס־לעבן. די אידישע צדקה האָט שטענ־

דיק געהאַט אירע פּאָזיטיווע זייטן און האָט אויך געהאַט אירע אויסקרימונגען. אָבער סיי־ווי־סיי איז דאָס אַ נאַציאָנאַלער שטריך פון אידישער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזירטקייט. מענדעלע דער מוכיח האָט עס אי אויסגעלאַכט, אי געפילט די אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט דערפון, און דערפאַר רופט ער דאָס אָן „די אייביקע אידישע טאָרבע" און דערמיט אַליין מאַכט ער דאָס פאַר אַ שטענדיקן נאַציאָנאַלן שטריך. מענדעלע האָט געקענט אויפהויבן די מאָמענטן וואָס זיינען אייגנאַרטיק און כאַראַקטעריסטיש פאַרן פאָלק. אין מענדעלעס סאַרקאַזם איז פאַראַן ליבע צום פאָלק, אַ ליבע פון אַ מוכיח, אַ שטראָפער, אַ רעפאָרמאַטאָר. עס איז אין דער טראַדיציע פון די נביאים, עס איז די העכערע טראַדיציע פון אידישן שאַפן.

דאָס אידישע „כישוף־טישטעכל", צדקה, באַהאַנדלט מענדעלע אין זיין פאָררעדע צו „פישקע דער קרומער" און אין זיין מעשה פון בנימין השלישי. דערמיט לאָזט ער אונז צו הערן אי די פאַרקרימונגען פון דער אידישער צדקה גדולה, אי דעם חלום וואָס זי באַגלייט — פישקע און בנימין. דאָס איז מענדעלעס רמז, און דאָס איז מענדעלע דער קינסטלער.

## אידישער שטייגער

אין מענדעלעס כתבים זיינען דאָ שילדערונגען פון קליינעם אידישן שטעטל, פון דער מיטל־גרויסער אידישער שטאָט, און פון דער גרויסער אידישער שטאָט. אין אַלע דריי געפינט מענדעלע אַ אידישן שטייגער וואָס איז איינער און דער זעלבער. עס זיינען פאַראַן אונטערשיידן, אָבער די אונטערשיידן זיינען נישט קיין וועזנטלעכע. אין דעם קליינעם שטעטל ברענגט יעדערער פאַר זיך דאָס וואַסער פון ברונעם. אין דער מיטעלער שטאָט פירט מען ׳שוין צו וואַסער פון טייך. דאָס קליינע שטעטל ליפערט דינסטן און וואַסער־פירער פאַר דער מיטעלער שטאָט און דער גרויסער שטאָט. אויסערלעכע באַדינגונגען בייטן זיך פון אָרט צו אָרט, אָבער דער לעבנס־שטייגער איז דער זעלבער, דאָס אייגענע, ווי שלום עליכם וואָלט געזאָגט.

אָט ווי מענדעלע שילדערט די מיטל־גרויסע שטאָט:

„סאַמע די גרעסטע בלאָטע, אַהינצו לויפן אַריין, מחילה, רינשטעקלעך אי באַלעבאַטישע פּאָמאָיניצעס און ברענגען מיט זיך אָן פון כל טוב, איטלעכן טאָג עפּעס אַן אַנדער מין סחורה, אַנדערע סאָרטן חפצים פון אַלערליי קאָלירן און פאַרשיידענע מינים ריחות, ווי עס פאַסט צום ענין. און דורך דעם איז זייער גרינג צו טרעפן דעם טאָג. גיסן זיך אַהין אַ שטייגער גלע לוזשקעלעך פון זאַמד, מיט וועלכע מען וואַשט די פאָלן, און טראָגן מיט זיך לוזשקעס פון פיש, דרויב־פיסלעך, קעפּלעך פון הינער, אַביסל האָר מיט פאַרברענטע שטיקלעך קאָפּיטעס, זאָלט איר האָבן אַ סימן היינט איז פרייטיק, נעמט אַ בעזים מיט אַ רעשקע און לויפט, זייט מוחל, אין מרחץ אַריין; טראָגן די ריטשקעס לעבער מיט עקן פון הערינג און גרויסע אויסגעהוילטע מאַרך־ביינער, אַהאַ, גוט שבת אייך, אידישע קינדער! זאָל אייך וואויל באַקומען נאָכן קוגל; זעט איר אָבער די רינשטעקלעך קוים קוים וואָס זיי רירן זיך, עס שלעפן זיך דאָרט פאַרברענטע שטיקלעך קאַשע, פאַרדאַרטע שטיקלעך טייג, אַ צעריסענע שמאַטע מיט אַ צעפאַלן ווי־כעטש, איז אַ סימן — דאָס איז היינט זונטיק, דער וואַסער־פירער האָט נאָך ניט געבראַכט קיין וואַסער, קוים וואָס מען האָט אויסגעזויגן אַביסל פון דער פאַס אויף אויסוואַשן ווי עס איז כאָטש די טשאָלנט־טעפּ מיט די מאַקערטעס. און אַזוי אין אַלע איבעריקע טעג פון דער וואָך האָט איטלעכע לוזשע איר באַזונדער פנים, מיט איר באַזונדער ריח"...

ווי מיר זעען אָרגאַניזירט מענדעלע דאָס אידישע לעבן אַרום שבת.



פרייטיק, שבת, זונטיק — דאָס איז ערב שבת, שבת, און מוצאי שבת. מען ברענגט אַריין דעם שבת פרייטיק, מען רוט שבת, און מען שפייזט די נשמה יתרה דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג, און מען פראַוועט אַרויס דעם שבת זונטיק. אַלץ דרייט זיך אַרום דער אַקס פון שבת. פאַר פרייטיק, שבת און זונטיק שילדערט מענדעלע דעם גאַנג פון די טעג. ער פאַרזיכערט אונז אַז יעדער טאָג האָט זיין באַזונדער פנים, געשטאַלט און ריח, אָבער ער שילדערט זיי ניט. אמת, מענדעלע גיט די איינגעפונדעוועטקייט פון אידישן שטייגער דורכן אָפּפאַל פון אידישע הייזער, איז דאָס אפשר אַ קרומער שפיגל, אָבער אָפט קען דער אַמבעסטן געשליפענער גלאָז ניט קאָנקורירן מיטן קרומען שפיגל. דאָס געהערט צו מענדעלעס אופנים פון שילדערן דורך סאַטירע די טיפע אידישע צוגעבונדנקייט צו טראַדיציע וואָס פורעמט דאָס אידישע לעבן. עס געהערט צו מענדעלעס רמזים.

## אידישער גורל

ביי מענדעלען איז פאַראַן אַ קורצע דערציילונג „די גרויע האָר". ס׳איז אַ מעשה ווי מען וויל אַראָפּטראָגן דעם טאַטנס ביכער־שאַפע אין קעלער, עס מאַכט ענג אין שטוב, טענהט די פרוי. אַ מעשה כמעט פון אונזערע צייטן. אָבער מענדעלעס בעל־דבר קען נאָך אַליין אַריינקוקן אין טאַטנס ספרים. עפנט ער אַ ספר אַ קוק צו טאָן אידער ער שיידט זיך מיט דער שאַפע און מיט די ספרים. דער ספר איז דער שלחן ערוך. געפינט ער דאָרטן אַ גרויע האָר, וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון טאַטנס באָרד, ווען ער האָט מיט אים קינדווייז געלערנט הלכות פסח. צוויי פריינט וועגן וועלכע מענדעלע דערציילט אין דער מעשה, וואָס ביידע זיינען אויפגעקלערטע, אַרויפגעאַרבעטע, אָפּגעריסענע פון פאָלק און זיינע טראַדיציעס — אַ גרויע האָר ראַטעוועט זיי פון ווערן אברים מדולדלים. מען פראַוועט אַ סדר מיט אַלע קליפּערלעך, מען זאָגט די הגדה גאָר אידישלעך און מען ווינטשט זיך „לשנה הבאה בירושלים". דאָס געהערט אויך צו מענדעלעס רמזים. אַ איד קען זיך פון אידישן גורל ניט אַרויסדרייען, מען אַנטלויפט און מען קומט צוריק. עס האַלט זיך אויף אַ האָר, אָבער עס האַלט זיך. דאָס איז מענדעלע און זיינע רמזים.

מענדעלע איז דורכאויס רמז. דער אידישער כלל איז מענדעלעס טעמע. איז ניט שייך אָנווענדן צו מענדעלען אַ פסיכאָלאָגישן אָדער אַן אַנדערן ליטעראַרישן קריטעריום. ניט די פאַרשוינען און זייער אויסערלעכער אויסבליק זיינען דער עיקר. דער עיקר איז דער „ניט דאָס בין איך אויסן". אַלע מענדעלעס פאַרשוינען זיינען אַן אָנוואונק אויפן אידישן גורל. פונדאַנען שטאַמט מענדעלעס מעשה איבער אַ מעשה און אַ מעשה אין אַ מעשה. עס איז אַן אייגנאַרטיקע אידישע ליטעראַטור־פאָרם וואָס איז ווייטגרייכנדיקער פון די אָנגענומענע ליטעראַרישע פאָרמען. מענדעלע רעדט צום אידישן צער האַרץ, ווייל ער האָט זיך דערגרונטעוועט צו די טיפענישן פון אידישן צער און אידישע האָפענונגען, צו דער אידישער מענטאַליטעט. דאָס איז דאָס בלייבנדיקע און איבערצייטלעכע אין מענדעלעס שריפטן. מענדעלעס רמזים איז דאָס עיקרדיקע אין מענדעלען.

אין פאַרשיידענע צייטן וועט מען אפשר אויף פאַרשיידענע אופנים אויסטייטשן מענדעלען, אָבער מען וועט זיך צו אים שטענדיק אומקערן. ער איז טיף פאַרוואָרצלט אין אידישן ווייגאָרטן. אויף אים דאַרף מען זאָגן כרמי שלי נטרתי.

מ. אַליצקי

# צוויי לידער

## פיר ביימלעך

פיר ברידער זיינען מיר געווען.
און פיר געוואַקסן זיינען פלוימענביימלעך
ביי אונזער שטוב.
דריי זיינען נאָענט אין אַ ריי געשטאַנען,
אַ שפּאַן צו טאָן און זיך אַרומנעמען.
קיין איינס פון זיי האָט ניט קיין שפּאַן געטאָן.
די זון האָט בוים צו בוים פאַרכאַפּט
מיט דינע שטעך פון גאָלד.
אַ ביימל האָט אַ ביימל אָנגעשמעקט.
קיין איינס פון זיי האָט ניט קיין שפּאַן געטאָן.
צום פערטן ביימל איז געווען
ווייט און טיף.
בלויז די זון אויף הויכע לויכטנדיקע פיס
איז צוגעקומען.
בלויז דער ווינט איז איבער ביימן בלעכענע פון דאַך
געקראָכן אויף דער צווייטער זייט.
דו ביסט געווען דאָס פערטע פלוימענביימל,
ברודער אַנדערשדיקער.

## אַ שוועסטער

ווי שטאַרק האָב איך געוואָלט אַ שוועסטער האָבן,
פונקט אַזאַ ווי אויף דער פאָטאָגראַפיע:
מיט שטיל פאַרקעמטע האָר,
מיט ברוינע אויגן,
מיט אַ פלאָרע אויפן ברוינעם האַלז,
וואָס פאַרשלייפט אַ ווייסע פולע בלוזקע.
ווי שטאַרק האָב איך געוואָלט זי זאָל אַרויף אויף מיר
אין דער בהלה פון אַן ערב־שבת:
גאָר וואָס האָב איך די פאָדלאָגע געוואַשן,
יִיש אָפּ די פיס!
איך זאָל די אויגן אירע זען שווימען איבער מיר
שלעכט און ברוין, ביז זייער לעצטן טראָפּן כעס.
די שטיל פאַרקעמטע האָר זאָל איך דערזען
אויפגערעגט.
די ווייסע פולע בלוזקע ווי זי ציטערט.
ווי שטאַרק האָב איך געוואָלט אַ שוועסטער האָבן,
און אַ נאָמען זאָל זי האָבן: פרומע,
ווי געהאַט האָט די וואָס אויף דער פאָטאָגראַפיע.



א. לעיעלעס

# די אידייע פון דער אידישער ליטעראַטור

(ראשי־פּרקים פון אַ אידיש־שרייבערישן אני־מאמין)

אויף אַן אַנדער אָרט האָב איך וועגן דעם היינטיקן מצב פון דער אידישער ליטעראַטור געשריבן אָט וואָס:

„מען טאָר נישט פאַרמאַכן די אויגן דערויף, אַז די ליטעראַטור — צוליב אַ לאַנגער ריי אויפטרייסלענדיקע געשעענישן, וואָס ליגן מחוץ אונזער לעבן און מחוץ אונזערע כוחות — איז געקומען צו עפּעס אַ גרעניץ־ליניע. יעדער אידישער שרייבער פילט דאָס ביודעים און בלא יודעים. יעדער אידישער שרייבער מוז אויך זיין אמתדיק מיט זיך אַליין וועגן דעם...״

איך וועל דאָ פּרוּוון צו זיין אַזוי אמתדיק, ווי איך קאָן נאָר. וועגן דער גרעניץ, וואָס צו איר זיינען מיר דערגאַנגען, ריכטיקער: געשטויסן געוואָרן, קאָן קוים זיין מער ווי איין מיינונג. די גרעניץ איז נישט פון אַ נייעם אָנהייב. אַזוי זעט דאָס אויס, ווען מען וויל זיין ברוטאַל אָפנהאַרציק, און קיין אַנדערע אָפנהאַרציקייט איז נישטאָ אָדער נישט כדאי.

די גרעניץ האָט צו טאָן מיט אידיש אין דעם ברייטסטן פאַרנעם, מיט יענעם גאַנצן וועלטלעכן נוסח פון דעם אידישן פאָלקס־לעבן, וואָס די ליטעראַטור איז בלויז איין אויסדרוק זיינער.

וואָס טראַכט און פילט אַ אידישער שרייבער היינט־צו־טאָג, ווען ער זעט אַז זיין לשון און דער מעדיום פון זיין אויסדרוק איז פאַרבליבן אין די מיילער בלויז פון די זיידעס און באָבעס, און דערביי זיינען אַלע אַזוי־גערופענע אָביעקטיווע באַדינגונגען קעגן דער ווייטערער קאָנטינואיטעט פון אַלץ, וואָס ער האַלט — אָדער דאַרף האַלטן — פאַר דעם זין פון זיין לעבן?

פאַר גרעסערער קלאָרקייט וועל איך פּרוּוון איבערצוגעבן מיינע מחשבות פונקטנווייז, ראשי־פּרקימדיק.

1) די אידישע ליטעראַטור, ווי דאָס גאַנצע אידישע לשון, איז אַרויסגעוואָקסן פון די סאַמע ממשותדיקסטע קאָנקרעטע לעבנס־נויטן פון אונזער פאָלק.

2) דער פּראָצעס פון סעקולאַריזאַציע, דאָס הייסט, דאָס אַוועקרוקן די רעליגיע מעשה אַבסאָלוטער העגעמאָן איבערן גאַנצן לעבן, איז ביי אונז געקומען שפּעטער, ווי ביי אַנדערע אייראָפּעאישע פעלקער. אָבער ער איז געקומען. און ווען ער איז געקומען, האָט ער אויך ביי אונז פונאַנדערגעבונדן אַזויפיל דרעמלענדיקע כוחות, אַז פאַר יעדן היסטאָריקער — אידישן און נישט־אידישן — וועט דידאַזיקע גייסטיקע אויפוואַכונג מוזן זיין דאָס גרעסטע וואונדער, דער קוואַל פון העכסטער באַוואונדערונג.

3) די אויפוואַכונג האָט אָנגענומען די פאַרשידנסטע פאָרמען. די גרויסע נאַציאָנאַלע פרייהייט־באַוועגונגען — ציוניזם, טעריטאָריאַליזם, בונדיזם (גלות־נאַציאָנאַליזם) — דאָס אַלץ איז אַרויסגעוואָקסן פון דער סעקולאַריזאַציע, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַלע פאַזן פון דעם אידישן לעבן. נאָר דאָ רעדט זיך דער עיקר פון יענעם כח און אויסדרוק, וואָס האָט אָנגענומען די כישוף־געשטאַלט פון דער וועלטלעכער ליטעראַטור.

4) די אידישע ליטעראַטור האָט שוין אַ לאַנגע היסטאָריע. האָט די גויאישע וועלט אונז נאָר געלאָזט צורו, איז די ליטעראַטור געווען מער־

ווייניקער נאָרמאַל, ס׳הייסט ווי און וואָס אַ ליטעראַטור דאַרף זיין. זי האָט געקאָנט זיך פרייען, שפּאַסן, וויצלען זיך, פירן ליבעס, מאַכן אַ כוסע. נאָר ווען האָט מען אונז געלאָזט צורו? פאַרפאָלגונגען, פּאָגראָמען, גירושים האַקן איבער דעם נאָרמאַל־נאַטירלעכן גאַנג און ס׳ווערט אַן איבערקערעניש — על פּי נוסח אברהם גאָלדפאַדען: „פאַסט יענקעלע אַ תענית און לויפט אין שול אַריין״.

אָבער דאָס לעבן — לעבן וויל. די נאָרמאַלקייט קומט צוריק. און פלאי־פלאים! וואָס נאָרמאַלער עס ווערט די אידישע ליטעראַטור, אַלץ מער ווערט זי ענלעך און אַ מין המשך פון דעם גרעסטן קינסטלערישן, ליטעראַרישן ווערק פון אונזער פאָלק — דעם תנ״ך.

די קען־צייכנס פון דעם וואונדערלעכן „אייביקן ליכט״ פון אונזער פאָלקס געניוס זיינען: מענטשלעכקייט, נאַציאָנאַלקייט, אוניווערסאַלקייט.

דאָס זיינען אויך די קען־צייכנס פון דער אידישער ליטעראַטור. זי איז הומאַניש, דורך־און־דורך קיומדיק און — אַלמענטשלעך.

אין דער אידישער ליטעראַטור איז דאָ דער גרויסער רוב פון דעם אידישן פאָלק אין משך פון וואָסערע פינף־זעקס יאָרהונדערטער. קאָן דאָס זיין אַ צופאַל? אָדער אַ קאַפּריז? קאָן עמיצער מיט אַן אמת טראַכטן, אַז אויך דאָ האָט נישט געווירקט עפּעס אַן איבערצייטלעכע מחשבה, יאָ, אַן איבער־טעריטאָריאַלע השגחה? אָן דער אידישער ליטעראַטור קאָן מען נישט קענען, ווער שמועסט פאַרשטיין, נישט דעם אידישן כלל, נישט דעם אידישן יחיד. דאָס אַלץ זאָל אַראָפּגעוואָרפן ווערן פון דער פּור? אַוודאי, די פּור וועט ווערן גרינגער. נאָר עס וועט זיין — די גרינגשאַפט פון אויסגעליידיקטקייט.

5) איך וועל אויסמיידן צו רעדן וועגן דער גרינטלעכער מענטשלעכקייט און נאַציאָנאַלקייט פון דער אידישער ליטעראַטור. איך וועל בלויז אָנווינקען: פונקט ווי דער תנ״ך האָט נישט געשאַנעוועט דעם יחיד, אפילו די גרעסטע — אברהם, משה, דוד, אַזוי האָט אונז די אידישע ליטעראַטור געגעבן פונסניי אָן אַ שיעור איינצלנע אידן און אידענעס — מיט זייערע אַלע וויכטיקסטע שטאַרקייטן און שוואַכקייטן. און פונקט ווי דער תנ״ך אָטעמט מיט דעם לעבנס־גורל פון דעם אידישן פאָלק, אַזוי איז די אידישע ליטעראַטור אַריינגעטאָן אין דעם זין פון דעם גאַנצן פאָלקס־לעבן. זי מאָנט און רופט און וועקט צו דורכאויסיקן נאַציאָנאַלן המשך. דערביי איז זי די בריק איבער צייט און שטח, פאַרבינדט ווייט מיט נאָענט, מאַכט דאָס פאָלק פאַר איין גרויסן עטנישן הווה.

6) איך וועל יאָ פּרוּוון אַביסל לענגער זיך אָפּצושטעלן אויף דעם אוניווערסאַלן זינען, ווערט און באַטייט פון דער אידישער ליטעראַטור, אויף איר אַלמענטשלעכן היקף און דיאַפּאַזאָן.

פאַראַן ביי אונז אַן אַלטער, קלוגער, אומגעהייער טיפער זאָג: אַ צרה, וואָס איז בלויז אַ אידישע צרה, איז נאָך נישט קיין אמתע צרה. ערשט ווען אַ אידישע צרה איז גלייכצייטיק אַ וועלט־צרה, דעמאָלט איז דאָס אַן אמתע צרה. (פאַסט דאָס צו — צו פאַשיזם, צו סטאַליניזם און זעט, ווי געוואַלטיק ריכטיק דאָס איז!).

איך וויל די דאָזיקע נעגאַטיוויסטישע טיפזיניקייט איבערפירן אויף פּאָזיטיוויסטישע רעלסן. היינו: אויב אַ פאָלק טוט אויף עפּעס גוטס פאַר זיך אַליין, איז עס נאָך נישט מי יודע וואָס, נאָך נישט אַזאַ גוטס. ווען אַ פאָלק טוט אויף אַ גוטס, וואָס איז גלייכצייטיק אַ גוטס פאַר דער וועלט, איז עס דאָס אמתע גוטס.



פאַרשטייט זיך, אַז איך מיין דאָ ספּעציפיש אונזער אייגן פאָלק.

אונזערע גרעסטע „גוטסן״ זיינען געווען יענע, וואָס האָבן געטראָגן ליכט צו די פינסטערנישן אויך פון אַנדערע פעלקער, געצונדן בליץ־לאָמפּן פאַר דער חיהשער און כאַאָטישער וועלט. דאָס איז קודם־כל דער געדאַנק, אַז אין דעם סדר העולם הערשט אי מאָראַלישע אָרדענונג, אי מאָראַלישע געזעץ. טעאָלאָגיש געשטימטע מענטשן וועלן זאָגן מאָנאָטעאיזם, די אידייע פון אחדות הבורא. איך וועל זיך נישט אַמפּערן. נאָר איך באַטראַכט זיך פאַר אַן איבערגעצייגטן וועלטלעכניק און מיר איז גענוג דער עטישער פּרינציפּ, וואָס קיין שום פאָלק האָט אים נישט אַזוי בולט אַרויסגעפירט, נישט געמאַכט פאַר אַ לעבנס־קרעדאָ, ווי דאָס אידישע פאָלק. דאָס איז געווען אַ גרויס גוטס פאַר אונזער אייגענער אומה. נאָר די גרויסקייט באַשטייט ספּעציעל אין דעם, וואָס דער נעמלעכער פּרינציפּ איז געווען נישט ווייניקער גוט פאַר אַלע פעלקער. דירעקט: דער איינציקער וועג, וואָס פירט צום לעבן אָנשטאָט צום טויט — פאַר אַלע, אַלע. מיט אַנדערע ווערטער: דורך דעם האַרץ און דער צונג פון אונזער פאָלק האָט גערעדט אַ פונדאַמענטאַלע נויט פון דער מענטשהייט.

איך האַלט זיך נישט אָפּ צו דערקלערן:

אידיש און די גאַנצע אידיש־קולטור; די שאַפונג פון דעם אַשכנזישן טייל פון אידישן פאָלק, וואָס האָט איר גרעסטן אויפטו דערגרייכט אין דער אידישער ליטעראַטור, איז אַ גוטס, וואָס האָט געוואַלטיק געהאָלפן און העלפט אונזער פאָלקס קיום און קאָנטינואיטעט, ווי אויך בכלל זיין טאָן, טראַכטן און אָטעמען. נאָר גלייכצייטיק באַשטייט די גרעסטע מעלה פון אָט דעם גוטס אין דעם באַפרידיקן אַ דורכאויסיק וועלט־באַדערפעניש, אין העלפן אַן אוניווערסאַלע נויט. עס איז אַ וועג אויך פאַר אַנדערע אומות צו בלייבן לעבן, ווי אומות, ווי בולטע נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייטן אין אַ וועלט, וואָס ווערט אַלץ קלענער, און וואָס קאָן פירן צו אַ נייער געוואַלט איבער גייסט, צו אַן אומהיימלעכן צוואַנג בנוגע שפּראַכן, קולטורן, דאָס הייסט, צו אַן אומגעוואונטשענעם אויסמיש פון היסטאָריש־גייסטיקע, עטנישע מאָנאַדן.

די איצטיקע נוקלעאַרע עפּאָכע סטראַשעט צו טראַנספאָרמירן די פילנדיקע, טראַכטנדיקע יחידים אין ראָבאָטן, וואָס זייער פונקציע איז אויסצופאָלגן די געבאָטן פון העכערע אינסטאַנצן. און דער קאָלעקטיוו? דעם קאָלעקטיוו, אויך דעם נאַציאָנאַלן, וויל מען פאַרוואַנדלען אין אוניפאָרמישע מושטירטע פאַלאַנגען. אַלע יוונים זאָלן האָבן איין פּנים, אויספילן פאַרשידענע פאָראויס אָנגעצייכנטע פונקציעס, עלעהיי די מוראַשקעס אין זייער שטרענגער, פאַרהאַרטעוועטער כללישקייט און קאַסטע־צעטיילונג.

דער שטאַט איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי מעכטיק און פאַרהייליקט, ווי איצט. דער וויכטיקסטער סימן פון פאָלקישקייט זיינען נאָך מער ווי ווען עס איז, די געאָגראַפישע גרעניצן, דער צעקעסטלטער שטח.

אָבער דער טאָטאַליזם וועט לאַנג נישט דולדן די עטנישע באַזונדערקייט און די טעריטאָריאַלע גרעניצן. סאָוועט־רוסלאַנדס פאַרטיליקונג פון דער אידישער קולטור איז באין אופן נישט קיין צופאַל. אויך גייט די אָפּשאַפונג פון עטנישער אַנדערשקייט נישט בלויז אויף אידן. דער טאָטאַליטאַרישער שטאַט טוט שוין זייער אַ סך אומצובערענגען די קולטורן פון אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, זיי מיט געוואַלט צו רוסיפיצירן.

וואָס קאָן זיין די תרופה פאַרן קיום סיי פון דער יחידישער, סיי פון דער נאַציאָנאַלער פערזענלעכקייט? איך נעם זיך די דרייסטקייט צו זאָגן, אַז דער וועג, וואָס אונזער פאָלק האָט אויסגעלייגט; דער וועג פון קולטור־רעלער אייגנאַרט און שפּראַכלעכער באַזונדערקייט מחוץ און איבער דעם שטאַט, בלויז לויט אַן אינערלעכן מוז און ווילן, איז דער ריכטיקער וועג. דער טאָטאַליזם איז אוממענטשלעך און קעגן דעם שטאַרקסטן כח — דעם גייסט. דערפאַר וועט ער נישט אויספירן און פלאַצן פון אינעווייניק. די מאַכט פון דעם שטאַט איז אַ קינסטלעכע מאָנסטערישקייט. זי וועט מוזן אָפּלאָזן. אָבער אַז עס גייט צום אָפּשאַפן טעריטאָריאַלע גרעניצן און צום אויפקום פון אַ וועלט־אָרדענונג און אַ וועלט־רעגירונג — אין דעם קאָן מען קוים צווייפלען. פאַרשטייט זיך, פריער וועט דאַרפן זיגן די דעמאָקראַטיע, און וואָלט וויטמאַנס חלום וועגן דער גאַנצער וועלט, ווי אַ „נאַציע פון נאַציעס" וועט דאַרפן מקוים ווערן. אָבער אין דעם מוזן מיר גלייבן. אויב נישט דאָס, וועט די גאַנצע מענטשהייט אומקומען.

איז אַזוי:

אין אַ פרייער, דעמאָקראַטישער פאַראייניקטער וועלט וועט אידיש און די אידיש־קולטור און ליטעראַטור זיין אי פאָראויסגייער, אי וועגווייזער. אַלע שפּראַכן, אַלע קולטורן, אַלע אומות, אויף וויפל זיי ווערן באַטראַכט ווי גייסטיקע קאַטעגאָריעס, וועלן גיין דעם גאַנג, וואָס אידיש האָט אָנגעהויבן מיט וואָסערע פינף הונדערט יאָר צוריק.

אידיש איז אונזער אייגענער נעכטן און היינט. אידיש טראָגט אויך די זריעה פון אונזער מאָרגן, ווייל נישטאָ אַזאַ זאַך, ווי אַרויסוואַרפן די פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט. אָבער אידיש איז אויך אונזער פאַן מעשה וועלט־פאָלק. מיר זיינען עס, און קיין שום זאַך, קיין שום געשעעניש וועט עס נישט בייטן. דאָס איז אונזער היסטאָרישער גאַנג.

נאָר דאָס איז אויך דער היסטאָרישער דרך פון אַלע פעלקער. אַלע וועלן זיי ווערן וועלט־פעלקער — איין פאַראייניקטע, פרייע מענטשהייט פון פאַרשידענע נאַציאָנאַלע פערזענלעכקייטן. די אידיש־קולטור און איר „ילד שעשועים" — די אידישע ליטעראַטור — האָבן ווי פאָראויסגעאָנט נישט בלויז דעם תוכן פון אָט דעם אַלמענטשלעכן גאַנג איבער דעם פלאַנעט אין אָרט און צייט, נאָר אויך די פאָרעם, וואָס מוז און קאָן זיין נאָר גייסטיק און שאַפעריש, היינו: קונסט אין דעם העכסטן, פולסטן און עטישסטן זינען פון דעם באַגריף.

דאָס איז פאַר מיר אין סקעלעטאַלע שטריכן די אידייע פון דער אידישער ליטעראַטור. זי מאַכט בטל מיט איר שלימותדיקער גערעכטיקייט אַלע ספיקות און שאַרט אַוועק אַלע שוועריקייטן! געוויס וועלן זיי זיין — און גרויסע, רוקן־ברעכנדיקע. נאָר ווייזט מיר וועלכע ס'איז גרויסע אידייע, וואָס דריקט אויס אַן אמתע וועלט־באַדערפעניש, וואָס מוז נישט טרעטן איבער שטיינער און שפּאַלטן בערג. נישטאָ! אָבער צוליב דער שוועריקייט טאָר מען זיך נישט אָפּזאָגן פון דער אידייע. אַזאַ אָפּזאָג איז דער טייטש — בגידה צו זיך, צום פאָלק, צו דער מענטשהייט; צו די זאַפטן, וואָס נערן אונטן און צו די ליכטער, וואָס לויכטן און פירן — אויבן.

באַמערקונג פון דער רעדאַקציע: מיר ברענגען דעם אַרטיקל פון א. לעיעלעס „די אידייע פון דער אידישער ליטעראַטור" ווי זיינע אַ פערזענלעכע אויפפאַסונג.

1) די הנחה אַז די אידישע ליטעראַטור איז „אַ מין המשך פון תנ"ך" איז אין דעם אַרטיקל ניט באַגרינדעט געוואָרן אויפן יסוד פון ווערק פון דער אידישער ליטעראַטור. און בײדע — אי דער תנ"ך, אי די אידישע ליטעראַטור וועלן זיין דערפון געטראָפן: דער תנ"ך, ווייל מען נעמט אים צו גרינג און מען לאָזט אים הענגען אויף איין שורה פון אַ הנחה, און די אידישע ליטעראַטור — ווייל מען לענט זיך ניט אָן אויף אירע ווערק.



2) עס איז אויך ניט באַגרינדעט די באַהויפּטונג, אַז „די שאַפונג פון אידישן פאָלק האָט איר גרעסטן אויפטו דערגרייכט אין דער אידישער ליטעראַטור"... עס קען קומען דער ווילנער גאון און מחולק זיין אויף דעם.

3) אין די פערספעקטיוון פון דער אידישער ליטעראַטור אויף איר „לעתיד לבוא" איז א. לעיעלעס אַוועק אַזוי ווייט אין פאַרנעם און אין דער צוקונפט, אַז ער איז משיג גבול די נבואה פון ישעיהו הנביא „והיה באחרית הימים". ממילא קומען די פערספעקטיוון אַרויס צו זאָרגלאָז פאַר אַ ליטעראַטור וואָס ראַנגלט זיך פאַר איר מאָרגן.

א. לעיעלעס, ווי אַ דיכטער און עסייאיסט, האָט, פאַרשטייט זיך, דאָס רעכט אַרויסצוברענגען „די אידייע פון דער אידישער ליטעראַטור" אויף זיין אייגענעם שטייגער.

*

# לידער

רבקה באַסמאַן

## אַ ריח פון ברויט

אַ ריח פון ברויט האָט געפּריט אין די גאַסן
און איך האָב געבענקט צו דער זאַנג.
אַזוי ווי דאָס ברויט וואָלט אַ יתום געווען,
אַ פעלד און אַן גאָלד, אַן געזאַנג.

און כ'בין מיטן ברויט געבליבן פאַרפרעמדט,
אַן אוצר אָן פרייד, אָן מי,
ווען כ'וואָלט ניט דאָס גאָלדענע ווערן דערקענט,
וואָלט ברויט מיר געקלעקט אינדערפרי.

## האַרבסטיקע זריעה

שפּעט־בלום, גרויער שטיפער
ווייזט דער גאַנצער וועלט
זיין צייטיקייט אין סוף פון האַרבסט.
אָנגעגורטער מיט פאַרמעגן
וויגט ער זיך ביי אַלע וועגן
און ער וואַרט.

זיינע פריינט, די ווייסע ווינטן
רינגלען אים אַרום
און די ווינטן מיט התמדה
לויבן צוקונפטיקע קינדער
אין געשטאַלט פון בלום.

גיי און לערן זיינע גאַנגען
זוניקער פאַעט;
אויסגעצייטיקט די פאַרלאַנגען
און אַנטפלעקט זיי ווי געזאַנגען
צו פאַרזייען אין אַרומען
איידער שפּעט.

משה שטאַרקמאַן

# אידיש מיט רש״י

כדי גוט צו פאַרשטיין חמשה חומשי תורה, איז ניט גענוג צו לערנען סתם חומש, — נייערט מען דאַרף לערנען חומש מיט רש״י; און איטלעכער, וואָס פאַרטיפט זיך פאַרשעריש אין דעמדאָזיקן לימוד, דערקענט שנעל, אַז אַלע אידן, וואָס רעדן אידיש, — רעדן אידיש מיט רש״י.

פאַרוואָס אַזוי?

ווייל אַ גרויסער טייל פון דער אידיש־אידיאָמאַטיק וואָרצלט אין דער ראָלע פון אידיש אַלס עברי־טייטש, — די שפּראַך, וואָס טייטשט די מקור־ספרים פון עברית.

אין דעם הויך פון די מיילער פון דורות חדר־קינדער איז עברי־טייטש געוואָרן אַ בייגעוודיק לשון, באַרייכערט מיט די שענסטע אויסדרוקן פון די כתבי הקודש. אַז ס׳האָט זיך פאַרשפּרייט דער לימוד פון חומש מיט רש״י, האָט דער פּירוש רש״י פאַרוועבט אין עברי־טייטש אַ סך ווערטער, ווערט־לעך און וואָרט־באַהעפטונגען פון גמרא און פון די מדרשים, וואָס רש״י האָט פריער אַליין פאַרוועבט אין זיין פּירוש. דער ניגון פון לערנען חומש מיט רש״י, איז געוואָרן דער ניגון פון גערעדטן אידיש, און דער אויסדרוק מאַכט רש״י געהערט צו די עלטסטע אידיאָמען פון מאַמע־לשון. אַ סך מאמרי־חז״ל, וואָס רש״י ברענגט אין זיין פּירוש, זיינען געוואָרן באַשטאַנדטיילן פון אידיש, ווי „גאָט באַצאָלט מידה כנגד מידה״, — „גאָט ברענגט די רפואה פאַר דער מכה״, אָדער אַזעלכע באַהעפטונגען ווי שם המפורש, קריעת ים־סוף, חילול השם, זכות אבות, כסא הכבוד, כביכול, עני חשוב כמת, משל למה הדבר דומה, א. ד. גל. פאַראַנען אין פּירוש רש״י ערטער, וואָס זיינען ממש געוואָרן פאָלקס־לידער אין די מיילער פון חדר־קינדער. בעיקר איז פאַרבליבן אין זכרון דער „אַרויסרייד״, אָדער די „אַרויסרעדעכץ״ צו „ואני״ אין דער סדרה „ויחי״, — דער רש״י־נוסח ווי אַזוי יעקב אבינו פאַרענט־פערט זיך פאַר יוספן, פאַרוואָס ער האָט די מוטער רחל מקבר געווען אויפן וועג קיין אפרת (בראשית מ״ח, ז׳).

אָט איז אַ מוסטער פון אַזאַ „ואני״־נוסח, ווי געזונגען דורך חדר־אינג־לעך אין אוקראַינע:

— „ואני, און איך יעקב, כאָטש איך בין דיך, מיין זון יוסף, מטריח מיט מיין קבורה, אָבער מיט דיין מוטער רחל האָב איך ניט אַזוי געטאָן... וואָס דען? בבואי מפדן, אין מיין טון טאָן קומען פון פדן־ארם, מתה עלי רחל, איז מיר דיין מוטער רחל געשטאָרבן, בארץ כנען, אינעם לאַנד כנען, בדרך, אויפן וועג, בעוד כברת ארץ, ווען ס׳איז נאָך געווען אַ שטרעק לאַנד, נישט מער ווי אַ תחום שבת, לבוא אפרתה, אַנצו־קומען קיין אפרת, ואקברה שם, און איך האָב זי דאָרטן באַגראָבן, בדרך אפרת, אויפן וועג קיין אפרת, היא בית לחם, דאָס איז בית לחם... מיינסטו אפשר, אַז ס׳האָט דעמאָלט געגאָסן אַ רעגן און איבער דעם רעגן האָב איך דיין מוטער רחל ניט געפירט קיין חברון? בין איך זיך פאַר דיר מודה, אַז קיין רעגן האָט דענצמאָלט ניט געגאָסן; ס׳איז גאָר געווען אַ טריקעניש, און די ערד איז געווען געלעכערט ווי אַ רעשעטע... ווייס איך, אַז דו האָסט אַוודאי תרעומות אויף מיר דערפאַר, אָבער זאָלסטו וויסן, אַז דאָס איז געווען על פי הדיבור, גאָט אַליין האָט מיר געהייסן, אַז איך זאָל די ביינער פון דיין מוטער רחל דאָרט באַגראָבן, כדי זי זאָל קענען קומען צוהילף אירע קינדער. וואָרן ווען נבוזראדן וועט פאַרטרייבן די אידן אין גלות אַריין, וועלן זיי דורכגיין אויף יענעם וועג, און דעמאָלט וועט דיין מוטער רחל אַרויסקומען פון איר קבר און זי וועט



וויינען און קלאָגן אויף דעם גרויסן בראָך, ווי עס שטייט געשריבן: קול ברמה נשמע, אַ קול דערהערט זיך אין הימל, רחל מבכה על בניה, רחל באַוויינט אירע קינדער, און גאָט וועט איר ענטפערן: יש שכר לפעולתך, עס איז דאָ אַ באַלוינונג פאַר דיינע גוטע מעשים, ושבו בנים לגבולם, און דיינע קינדער וועלן זיך אומקערן צוריק צו זייער גרעניץ...״ [1]).

אַ סך לשון־קודשדיקע ווערטער, וואָס זיינען שוין פריער געווען פאַר־וועבט אין אידיש, האָבן דערנאָך באַקומען אַ חיזוק דורך דעם לימוד פון חומש מיט רש״י. אַזוי אַרום איז די אידישע שפּראַך שטאַרק באַרייכערט געוואָרן. בעיקר זיינען אַריין אין אידיש פון רש״י יענע ווערטער, וואָרט־באַהעפטונגען און אויסדרוקן, וואָס זיינען פאַראַנען אין פּירוש צו די ערשטע פּרשהס פון די וועכנטלעכע סדרות, — ווייל די ערשטע פּרשהס האָט מען געלערנט אין חדר, אָבער די לעצטע פּרשהס האָבן שוין געלערנט נאָר דער־וואַקסענע יודעי ספר.

די שפּראַך־עשירות, וואָס איז פון רש״י אַריינגעדרונגען אין אידיש, קען מען איינטיילן אין פיר קאַטעגאָריעס: 1) ווערטער און אויסדרוקן, וואָס געהערן צום ריין־העברעאישן עלעמענט אין אידיש; 2) מאמרי חז״ל, וואָס זיינען געוואָרן אידישע גלייכווערטלעך; 3) רש״י־אויסדרוקן, וואָס זיינען אַריין אין אידיש אין איבערגעזעצטער פאָרם; 4) לומדישער אידיש, וואָס ווערט גענוצט בעיקר פון אידן תלמידי חכמים [2]).

### 1. מוסטערן פון רש״י־עלעמענטן ווי אין מקור

בראשית: מידת הדין, מידת הרחמים (א׳, א׳); מידה כנגד מידה (י״א, ז׳); ששת ימי בראשית (כ״ב, י״ג); פני (מ״א, נ״ו); רוח הקודש (מ״ב, י״א); חסד של אמת (מ״ז, כ״ט).

שמות: עבודת פרך (ב׳, י״ד); בשעת מעשה (י״ט, כ״ד); פושעי ישראל (ל׳, ל״ד); זכות אבות (ל״ג, י״ט); להכעיס (ל״ד, ז׳).

ויקרא: מידה טובה (ה, י״ז).

במדבר: בת קול (ג, ט״ז); בשר ודם (י״ב, ה); אבי אבות הטומאה (י״ט, כ״ב); רודף שלום (כ, כ״ט).

דברים: כל זמן (י״ג, י״ח); כל מום רע (ט״ו, כ״א).

### 2. מאמרי חז״ל און רש״י־גלייכווערטלעך

אפילו אַ מלאך קען ניט טאָן קיין צוויי מלאכות (אָדער שליחותן) מיט־אַמאָל — אין מלאך אחד עושה שתי שליחות (בראשית י״ח, ב׳); אַ מענטש, — היינט לעבט ער און מאָרגן שטאַרבט ער, — בשר ודם, שהיום חי ומחר מת (דאָרט, י״ח, י׳); פון שלום־וועגן מעג מען זאָגן אַ ליגן, — שינה הכתוב

---

1) מ. אַשעראָוויטש: געשיכטעס פון מיין לעבן, באַנד 1, ניו־יאָרק, ז״ז 111־112. צוויי אַנדערע נוסחאות פון „ואני״ האָב איך געבראַכט אין מיין אַרבעט, געדרוקט אינעם העברעאישן רש״י־זאַמלבוך, רעדאַקטירט פון דר. שמעון פעדערבוש, ניו־יאָרק, תשי״ח, ז״ז 235־237. יענע נוסחאות זיינען פון יוסף מענדעלסאָן, אויך אַן אוקראַאינער, געדרוקט אין בוענאָס־איירעסער רש״י־בוך, 1941, ז״ז מ״ו־מ״ז; און פון יחיאל שטערן, אַ פוילישער, ציטירט פון זיין בוך „חדר און בית המדרש״, פ״ג ייוואָ, נ״י, 1950, ז. 18.

2) וועגן דער אַנטוויקלונג פון אידיש ביים טייטשן דעם חומש גופא, זע שלמה נאָבלס „חומש־טייטש״, פ״ג ייוואָ, נ״י, 1943, 88 ז. — די חדר־טייטש עלעמענטן זיינען אויסגענוצט געוואָרן אין נחום סטוטשקאָווס „דער אוצר פון דער יידישער שפּראַך״, ייוואָ, נ״י, 1950, 933 ז. — וועגן די טייטש־מעטאָדן אין די חדרים זען צבי שאַרפשטיינס „החדר בחיי עמנו״, נ״י, 1943, 301 ע׳.

מפני השלום (דאָרט, י״ח, י״ג); אָנשרייבן אויף דער וואַנט, — שרט לו שריטה בכותל (דאָרט, כ״א, ב׳); חזיר־פיסל כשר, — החזיר... פושט טלפיו לומר: ראו שאני טהור (דאָרט, כ״ו, ל״ד); זיך מאַכן כאילו לא ידע, אַז ער קען אים גאָרניט, — עשה עצמו כאילו לא ידע (שמות א׳, ח׳); ווי אַ דאָרן אין אויג, ווי אַ שטאָך אין אויג, — כקוצים היו בעיניהם (דאָרט, א׳, כ״ב); יתרוס נעמען, — שבעה שמות היו לו (דאָרט, ד׳, י״ח); שבע שמות נקראו לו: רעואל, יתר, יתרו, חובב, חבר, קני, פוטיאל (דאָרט, י״ח, א׳); קוק אויף דיין אייגענעם הויקער, — מום שבך אל תאמר לחברך (דאָרט, כ״ב, כ׳).

### 3. רש״י־אויסדרוקן אין איבערגעזעצטער פאָרם

בראשית: אויסגעצירט (אָדער אויסגעפוצט) ווי אַ כלה, — מקושטת ככלה (ד׳, י״ט); די זון איז אַרויס פון איר פוטערפאַס, — הוציא הקב״ה חמה מנרתיקה (י״ח, א׳); אַ דאַנק פאַר דער גוטער בשורה (טיילמאָל איראָניש), — מודים על בשורה טובה (כ״ד, נ״ב); מגלה זיין דעם קץ, — לגלות את הקץ (מ״ט, א׳); די שכינה האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים, — נסתלקה ממנו שכינה (מ״ט, א׳).

שמות: געבן אַ פתחון־פה, — ליתן פתחון־פה (כ׳, ב׳); זען ברוח הקודש, — צפה ברוח הקודש (כ״ה, ה׳); מיין האַרץ זאָגט מיר, — לבי אומר לי (כ״ח, ד׳); געטראַכט ביי זיך אין האַרצן, — אמר בלבו (ל״ב, ב׳); ער האָט ניט געקענט עפענען דאָס מויל, — לא היה לו פתחון־פה (ל״ב, ה׳); בעטן רחמים, — לבקש רחמים (ל״ג, י״ט).

במדבר: אַ שטאַרקער מיטן מויל, — כוחו בפיו (כ״ב, ד׳); אַ גוי אַ רשע, — גוי רשע (כ״ב, ה׳); ניט געהאַט קיין מנוחה, — לא היתה להם מנוחה (ל״ג, א׳).

דברים: די שכינה רוט אויף אים, — שכינה שורה על... (ב׳, י״ז); האָסט ניט געקענט אויפהייבן דעם קאָפּ, — לא היה לך להרים ראש (ל״ב, מ״ד).

### 4. רש״י־אויסדרוקן אינעם אידיש פון יודעי ספר

בראשית: נשים דעתן קלות (ג׳, ט״ו); פשוטו כמשמעו (ח׳, ז׳); תרבות רעה (ט״ו, ט״ו); יש אומרים (כ״ב, א׳); לשון חיבה (כ״ב, י״א); קל שבקלים (כ״ט, כ״א); אחרון אחרון חביב (ל״ג, ג׳); מקום מוכן לפורעניות (ל״ז, י״ד); השטן מקטרג בשעת הסכנה (מ״ב, ד׳); חתימת זקן (מ״ב, ח׳); תעלא בעידניה סגיד ליה (מ״ז, ל״א).

שמות: חבל על דאבדין ולא משתכחין (ו׳, ט׳); שקול כנגד (י״ח, א׳); כל התחלות קשות (י״ט, ה׳); הבא להרגך השכם להרגו (כ״ב, א׳); עניי עירך קודמין (כ״ב, כ״ד).

ויקרא: אין קטיגור נעשה סניגור (ט״ז, י״ד); מה ענין שמיטה אצל הר סיני? (כ״ה, א׳); כל ישראל ערבין זה לזה (כ״ו, ל״ז).

במדבר: אוי לרשע, אוי לשכנו (ט״ז, א׳); טלית שכולה תכלת (ט״ז, ב׳); קורח שפיקח היה מה ראה לשטות זה? (ט״ז, ז׳); לא מדובשך ולא מעוקצך (כ״ב, י״ב); השנאה מקלקלת את השורה (כ״ב, כ״א); בא לכלל כעס, בא לכלל טעות (ל״א, כ״א).

דברים: דין פרוטה כדין של מאה מנה (א׳, ז׳); דיני ממונות... דיני נפשות (א׳, י״ח); שאין המצווה נקראת אלא על שם גומרה (ח׳, א׳).

* * *

אין דעם עברי־טייטש חומש, וואָס איז אַרויס אין יאָר 1560, אין קרע־



מאָנאַ, זיינען געבראַכט געוואָרן אויף אידיש בלויז שטעלעס פון פירוש רש״י; אָבער סוף 19טן יאָרהונדערט איז דערשינען אין וואַרשע דער „חומש בית יהודא״, מיט גאַנץ פירוש רש״י צו דער תורה אויף אידיש [3].

אויף ווי וויט אידיש האָט זיך אַנטוויקלט אַלס „עברי־טייטש״ אין די איבער 300 יאָר צווישן דעם דערשיינען פון קרעמאָנער חומש ביז דעם „חומש בית יהודא״, קען מען זען דורך פאַרגלייכןביידע איבערזעצונגען. לדוגמה ברענגען מיר דאָ אויסצוגן פון פירוש רש״י צו בראשית ל״ג, ז׳, פון דער סדרה „וישלח״, — ווי אַזוי רחל און יוסף האָבן געענט נאָך דער באַגעגעניש צווישן יעקב און עשו.

### פון קרעמאָנער חומש

יוסף אונ׳ רחל: בייא אל די אמהות דיא מויטיר ווארן גינעהינין פור דיא קינדר, אָבר דא ניט. יוסף גינעהיניט פור זיין מוטר, ווארום יוסף שפרך: מיין מוטר איז שון. לוייכט ווערט דר זלביג רשע זיין אוייג אן איר געבן. איך וויל מיך גרושן און וויל מיך פור איר שטעלין זאָ ווערט ער זיא ניט קונין אן זעהן. אל היא ווער ער ווירדיג צו דיא בענטשונג: די טוכטיר שריטין אויף דיא מויער [4].

### פון „חומש בית יהודא״

...ביי אַלע האָבען דיא מוטערס גענענט פאַר דיא קינדער, אָבער ביי רחל האָט יוסף גענענט פריער פאַר דיא מוטער. יוסף האָט געזאָגט: מיין מוטער איז שיין. טאָמער וועט דער רשע געבן זיינע אויגן אויף איר אונ ער וועט וועלען זיא נעמען פאַר אַ ווייב. איך וועל מיך שטעלען געגין מיין מוטער אונ איך וועל אים פארהאַלטן ער זאָל ניט קוקין אויף איר. — פון דאנען האָט יוסף זוכה געווען צו די ברכה, אַז שלעכטע אוגין (דאָס הייסט עין הרע) זאָל אים ניט קענען שאָדן טאָהן.

אויף אַלע קאָנטינענטן פון ערד־קיילעך זיינען הונדערטער טויזנטער אידיש־רעדנדיקע אידן, כן ירבו, עוסק אין לערנען חומש מיט רש״י. דער פאָטאָ־אָפּדרוק פון „חומש בית יהודא״, מיט גאַנץ רש״י אויף אידיש און מיט צוגאָבן פון אַנדערע עברי־טייטשן, האָט אַ גרויסן אָפּגאַנג און ס׳נוצן אים אויך די רש״י־לערנערס אין ישיבות און אין בתי מדרשים. אַזוי אַרום איז מען ממשיך די טראַדיציע, וואָס ציט זיך פון מיטלאַלטער, צו באַרייכערן דאָס אייגענע וויסן און דאָס אידישע לשון אין אייגענעם מויל, אויפן יסוד פון דער צוויי־שפּראַכיקער מסורה אין אידישן לימוד.

---

3) וועגן קרעמאָנאַ אַלס אידישן קולטור־צענטער זע: משה אביגדור שולוואַס, — „חיי היהודים באיטאליה בתקופת הרינסאנס״, הוצאת „עוגן״ ע״י ההסתדרות העברית, נ״י, תשט״ו, 359 עמ׳. — וועגן „חומש בית יהודה״ און זיין „מעתיק״ יעקב מאיר יעבץ, — אין מיין אַרבעט „דער גאון פון עברי־טייטש״, געדרוקט אין „אידישער קעמפער״, ראש־השנה, תש״ח, ז״ז 63־67. — אַ פאָטאָגראַפירטע אויסגאַבע פון „חומש בית יהודא״ מיט גאַנץ פירוש רש״י אויף אידיש, איז אַרויס אין ניו־יאָרק באַלד נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

4) וועגן די אָנהייבן פון עברי־טייטש זע: דר. י. צינבערגס „געשיכטע פון ליטעראַטור ביי אידן״, באַנד 6; דר. מ. וויינרייכס „בילדער פון דער אידישער ליטעראַטור־געשיכטע״, ווילנע, 1928; מאַקס עריקס „די געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור״, וואַרשע, 1928; נ. ב. מינקאָוו און יודא א. יאָפּעס „אַלט־אידישע ליטעראַטור״ אין דריטן באַנד „אידן״ פון דער „אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע״, נ״י, 1942, ז״ז 5־64, און ש. ניגערס „בלעטער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור״, אַרויסגעגעבן פון ש. ניגער־קאָמיטעט ביים אַלוועלטלעכן אידישן קולטור־קאָנגרעס, נ״י, 1959, 438 זייטן.

ארי אבן־זהב

# חכם רחמים פון אַלט־ירושלים

(דערציילונג)

צוזאַמען מיט די פּליטים פון אַלט־ירושלים איז אָנגעקומען אין ניי־ירושלים אויך רחמים ששון, אַ איד ביי די פופציקער. אין דער צייט פון דער באַלאַגערונג האָט זיך אַ גרויקייט באַוויזן אין זיין קורצער שיטערער באָרד און זי איז אינגאַנצן ווייס געוואָרן אין דעם ביטערן טאָג ווען אַלט־ירושלים האָט זיך אונטערגעגעבן און מען האָט זי באַדאַרפט פאַרלאָזן. ווען די אַנדערע פּליטים, קומענדיק אין ניי־ירושלים, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן און באַזעצט זיך אין די שיינע מויערן, וואָס די אַראַבער האָבן געלאָזט אויף הפקר, און אייניקע האָבן זיך געפרייט וואָס זיי זיינען אַרויס פון די פינסטערע אידישע געסלעך אין אַלט־ירושלים צו דער רחבותדיקער ליכטיקייט אין קאַטאַמאָן און תלביה — האָט זיך חכם רחמים ששון מיט זיין משפחה, זעקס נפשות, באַזעצט אין אַן אויבערשטיבל אויפן דאַך אין איינעם פון די פּאַלאַצן אין תלביה.

פון אָנהויב איז מלכה, זיין ווייב, געווען אומצופרידן: אַנדערע וואוינען אין די זאַלן פון דעם פּאַלאַץ, זיי זיינען באַשיצט פון דער ברענעניש פון דער זון, און פון קעלט, און זי, מלכה, נאָכדעם וואָס זי האָט געבוירן ניין קינדער, דאַרף זי שלעפּן אירע מידע פיס אויף איין און זעכציק שטיגן? „פונדאַנען זעען מיינע אויגן פאַר זיך שטענדיק די הייליקע שטאָט, און איך ווייס צו־ליב וואָס איך וויין" — האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין רחמים, איר מאַן. און ווען אַלע האָבן געשלעפּט מעבל פון די פאַרלאָזטע הייזער, זיצט רחמים אויפן דאַך, מיטן פּנים צו אַלט־ירושלים, זאָגט תהילים און ער וויינט.

עס איז נאָך נישט אַריבער קיין וואָך און מלכה האָט איינגעזען אַז איר מאַן איז געווען גערעכט. אין דעם פּאַלאַץ, וואו עס האָט פריער געוואוינט איינער פון די רייכע עפענדיס, אַ משפחה זאַלבעפינפט, האָבן זיך איצט צונויפגעקוועטשט פערצן משפחות; אין יעדן צימער אַ משפחה, און דער טומל איז גרויס פונקט ווי אויף דער שמאָלער גאַס פון אַלט־ירושלים, אויפן אַראַבישן מאַרק ביים יפו־טויער, און דאָ אין אויבערשטיבל האָט מלכה געהאַט רו, און זי איז געווען צופרידן, פונקט ווי זי וואָלט געהאַט פאַר זיך מיט איר משפחה דעם גאַנצן פּאַלאַץ.

אינדערפרי גייט זי אַרויס קריגן שפּייז פאַר די קינדער, און די קינדער האָבן זיך אַרומגעיאָגט איבער די גאַסן פון דער געגנט און אָנגעשלעפּט אין שטוב אַריין שטיקלעך מעבל, וואָס אַנדערע האָבן אויסבראַקירט.

רחמים אַליין איז אַרומגעלאָפן איבער די אַנשטאַלטן פון דער רעגירונג זיך בעטן מען זאָל איינגעמען אַלט־ירושלים און אומקערן צו די אידן וואָס עס איז זייערס. רחמים פלעגט אונטערקומען צום טויער פון מיליטערישן שטאַב, אינעווייניק האָט מען אים ניט אַריינגעלאָזט — האָט ער אויסגעגאָסן זיין האַרץ פאַרן באַוואָפנטן וועכטער. עס האָט זיך געזאַמלט אַרום אים אַ געזעמל. מען האָט לכתחילה אים אָנגעקוקט מיט פאַרוואונדערונג, דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן שמייכלען, און לסוף פּשוט אָפּגעשפּאָט פון אים און געשריען: „בראַוואָ, גענעראַל!" „זאָל לעבן דער הויפּט־מאַרשאַל חכם רחמים!" אָבער די אָפּשפּאָטונג האָט אים ניט אָפּגעהאַלטן פון אָפּשלאָגן די פיס און



גיין פון איין אַנשטאַלט צום אַנדערן: צום שטאָט־ראַט, צום הויפּט־ראַבינאַט, צו דער אידישער אַגענטור, און ווידער צו דער מיליטערישער מאַכט. עס איז אויף אים מקוים געוואָרן „הלוך ילך ובכה" (ער גייט און ער וויינט) און ער וואונדערט זיך: גוואַלד, ווי אַזוי האָבן עס געקענט כשרע אידישע קינדער איבערלאָזן די שטאָט פון שיינקייט, די פרייד פון דער וועלט, און זיך לאָזן גאָר ערגעץ אין די מדבריות, אין נגב?

אומזיסט האָבן אים שכנים און באַקאַנטע געפּרוּווט אויפקלערן, אַז די גרענעצן זיינען לאַנגע און מענטשן זיינען דאָ ווייניק. חכם רחמים ששון האָט זיך צוגעהערט און געענטפערט שטיל מיט אַ פאַרשטיקטער שטים: „אָבער — ס'איז דאָך ירושלים". און מיטן איינעם וואָרט ירושלים דריקט ער אויס די גאַנצע אַנגסט זיינע, וואָס איז אויסגעגאָסן אויף דעם דינעם לאַנגן גוף אין שוואַרצן כאַלאַט, און אויף זיין פּנים וואָס איז געל ווי וואַקס.

אַמשווערסטן איז געווען אין די שבתדיקע טעג, ניט נאָר פאַר אים, פאַר חכם רחמים, נאָר פאַר אַלע פּליטים פון דער „שטאָט". ווי בלאָנדזשענדיקע שאָף האָבן זיי זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן פון ניי־ירושלים. אמת, עס איז טאַקע שווער געווען דאָס לעבן אין אַלט־ירושלים, אין די טונקעלע חדרים, אין די שמאָלע הייפן, אַרומגערינגלט מיט אַראַבער ווי זאַמד אויפן ברעג פון ים, אָבער דער שבת און דער יום־טוב האָבן פאַרגיטיקט פאַר אַלץ. אין דער צייט ווען די אידן פון ניי־ירושלים האָבן געדאַרפט זיך שלעפּן אין היצן אָדער אין קעלט אַזש צום יפו־טויער, זיך שטופּן אויף דער טרעפּן־גאַס צווישן אַראַבער מיט זייערע שמוציקע אייזלען, מיט די זעק סחורות וואָס פאַרשמירן די שבתדיקע בגדים פון די „עולי־רגל" צום כותל מערבי — פלעגן זיי, די איינוואוינער פון אַלט־ירושלים, שפּאַנען ווי פרינצן איבער דער אידישער גאַס, און איידער מען האָט זיך אַרומגעקוקט איז מען שוין געווען ביי דער רחבותדיקייט פון כותל מערבי. די אידן פון ניי־ירושלים, וואָס זיינען געקומען צופאַלן צום כותל האָבן אויסגעזען אין די אויגן פון חכם רחמים ווי פאַרשטויסענע וואָס קומען בעטן פאַרגעבונג פאַר זייערע זינד. זיי האָבן געוויינט אום שבת, אָבער ניט ער, חכם רחמים, וואָס ער האָט זוכה געווען ניט אונטערצוגעבן זיך דער סיטרא אחרא און געבליבן וואוינען אין אַלט־ירושלים. אַוודאי איז געווען אַ צער יעדן שבת ווען דער אַראַבער, אָנגעטאָן אין שמאַטעס, גייט דורך פאַרביי דער הייליקער וואַנט און זיין קרעציקער אייזל איז באַלאָדן מיט טונקעלע לאָגלען, וואָס זעען אויס ווי חזירים, רחמנא לצלן, און די קראַנקהויטיק־שמוציקע קינדער פון די מוגראַבים, וואָס טאַטע מאַמע זעצן זיי אַוועק ביים טויער פון זייער הויף און עס טראָגט זיך פון דאָרט אַן עיפּוש — דאָס איז אויך געפאַלן שווער אויפן האַרצן. אָבער חכם רחמים איז אַרומגעגאַנגען צווישן די אידן, די תהילים־זאָגער, און האָט זיי געטרייסט: „דאָס אַלץ טוט דער רבונו של עולם כדי איר זאָלט זען, אַז 'זיי' זיינען נמאס ווי אייזלען, אָבער די קינדער פון ישראל זיינען אָנגעטאָן אין שבת־זייד".

יענע גוטע צייטן זיינען געווען נאָר וואָס אינגאַנצן מיט זעקס חדשים צוריק, און איצט — די ברייטע גאַס פון תלביה איז געגליכן צו אַ ליידיקייט, אָן טעם און אָן ריח.

רחמים דערמאָנט זיך, ווען ער איז געווען אַ קינד ביים טאַטן אין שטוב — ווי שטאַרק ער האָט ליב געהאַט אין דעם אָוונט, פרייטיק צו נאַכט, דעם ריח פון די פאַרשיידענע געווירצן, פון געזאַלצענע און געריכערטע פיש

וואָס האָט זיך געטראָגן איבער דער אידישער גאַס — און דאָ — אַ פּיסנע לופט, וואָס דערמאָנט אָן גאָרניט, און לאָזט דיך איבער מיט גאָרניט. חכם רחמים דערשטיקט אַ זיפץ, ווי אַן אָבל נאָך זיין בן יחיד אין אַ שבת אין דער שבעה־וואָך, און מוצאי שבת האָט ער געוויינט ווי אַ קינד, און אַז ער פלעגט אָפּריכטן חצות אויפן דאַך, אַנטקעגן דעם בית המקדש־באַרג, איז זיין האַרץ צעריסן געוואָרן אויף שטיקער פון גרויס געוויין. „די קינדער וועלן זיך אויפכאַפּן", האָט מלכה געפּרואווט אים איינשטילן, און ער האָט געפילט אין אירע רייד די אָנרייצעניש פון שטן, און נאָך ביטערער איז געוואָרן זיין געיאָמער.

דעם ערשטן חודש זיינען אין דעם פּאַלאַץ געבאָרן געוואָרן צוויי קינדער, ביידע אינגלעך. האָט מען זיי אַ נאָמען געגעבן, לויט רחמימס בקשה. ווייל ער איז געווען דער מוהל — איינעם רחמים, כדי מקיים צו זיין „ואתן לכם רחמים" און דעם צווייטן מנחם. דעם צווייטן חודש זיינען געבאָרן געוואָרן אין פּאַלאַץ אַ מיידל מיט אַ אינגל, אַ צווילינג, — האָט מען דעם אינגל אַ נאָמען געגעבן ירושלים, און דאָס מיידל — רוחמה. אויף די נעמען האָט מען געפונען אַן אָנלען אין די נבואות פון טרייסט. „אַז אין דעם הויז זיינען דאָ אָט די פּיצלעך קינדער, וועלן איינגיכן מקוים ווערן אַלע גוטע נבואות" — האָט רחמים געזאָגט. איצט האָבן זיך געעפנט זיינע אויגן און ער האָט דערזען וואָס עס קומט פאָר אין דעם גרויסן הויז: אין אַלע צימערן זיינען דאָ קינדער, אינגלעך קיין עין הרע. די עלטערע בחורים גייען זוכן אַרבעט, און העלפן אויך די דערוואָקסענע צו פאַרטיידיקן די שטאָט פון די פלישתים. אָבער דאָס קליינוואַרג? וואָס וועט פון זיי ווערן? די טאַטעס שטייען אויף דער וואַך, און די מאַמעס ליאַרעמען: „עס איז שווערער אויסצושטיין די שטיפערייען פון די קינדער, ווי די האַרמאַטן אין דער צייט פון דער באַלאַגערונג!"

האָט חכם רחמים אויפגעזאַמלט אין דעם הויז איין און צוואַנציק קינדער, אינגלעך, אויף לערנען מיט זיי תורה און נביאים. האָט ער טאַקע מיט זיי געלערנט קריאת שמע און תורה? ער האָט אָנגעהויבן: „אלה תולדות נח" און ער האָט געוויינט. „נח איש צדיק היה בדורותיו" און ער האָט געוויינט. די קינדער זיינען געווען צעטומלט, נאָר די מאַמעס האָבן זיך געפרייט, זיי זיינען פּטור געוואָרן אויף אַ ווײַלע פון דעם האַרמידער, און דערפאַר האָבן די איינוואוינער פון דעם פּאַלאַץ באַזאָרגט חכם רחמים מיט באַשפּייזונג.

עס איז געווען זומער. חכם רחמים האָט געלערנט מיט די קינדער אויפן דאַך. ווי אַזוי האָט ער מיט זיי געלערנט? ער האָט זיי געהייסן זיצן מיטן פּנים צו אַלט־ירושלים און האָט זיי געוויזן מיטן פינגער: אָט דאָרט, אין יענעם ווינקל, איז געשטאַנען די פּראַכטפולע „חורבה" פון ר' יהודה החסיד; און דאָרט — האָט ער זיי געוויזן — „בית אל" פון די מקובלים; און דאָרט, אין יענעם ווינקל, איז געווען דער „הויף" פון דעם „אורח חיים"... און ער האָט דערציילט די קינדער וועגן צדיקים און מקובלים, נסים און נפלאות, און מיט די מעשות האָט ער איבערגעוואונען די קינדערישע הערצער און זיי זיינען געזעסן מיט אים. ער האָט געוואוסט אַז נישט אַלץ פאַרשטייען זיי, די קינדער; נאָר ער האָט עס אין דער אמתן דערציילט פאַר זיך אַליין און זייער שטאַרק הנאה געהאַט פון דער גרויסקייט פון די גרויסע אידן, און ער האָט געגלויבט באמונה שלמה אַז זייער זכות וועט ביישטיין, כאָטש דער שונא געפינט זיך אונטער דער נאָז.



און דערציילנדיק די וואונדער־מעשות האָט ער אַריינגעמישט די געשיכטעס וועגן די איצטיקע העלדישקייטן פון די בחורים אין קריג, ווי זיי שטעלן איין דאָס לעבן פאַרן הייליקן לאַנד; ער האָט אויפגעקלערט פאַר די קינדער די גבורות פון אַמאָל און פון היינט, די וואונדער פון דור צו דור, און פונקען האָבן זיך אָנגעצונדן אין זיין האַרצן, און אין זיין ביטערן צער איז אויפגעקומען אַ ליכט.

ווען ער האָט פאַרלאָזן אַלט־ירושלים האָט חכם רחמים געריסן קריעה, און האָט ניט אויסגעטאָן די טרויער־קליידער, חוץ שבת און יום־טוב; ער האָט קיינמאָל ניט אויפגעהויבן זיין קול מיט געזאַנג. איצט האָט ער אָנגעהויבן לערנען מיט די קינדער די געזאַנגען פון ר' שלום שבאזי און פון ר' יהודה הלוי, און פון דאַך פון פּאַלאַץ פון תלביה האָט זיך געטראָגן דאָס פּישטשען פון קינדערשע שטימען, אַז מען האָט עס אַזש געקענט הערן אויף דער עזה־גאַס אין רחביה. די קינדער זינגען און חכם רחמים טראַכט: ווער וואָלט עס געגלויבט, אַז פון דעם דאַך זאָל מען הערן די הייליקע געזאַנגען דורך די מיילער פון די תינוקות של בית־רבן. און אין דעם הויז און אין צווייטן הויז — אידן וואוינען דאָ מיט גאָטס הילף. ערשט נעכטן אייערנעכטן, אַז ער איז דאָ פאַרבייגעגאַנגען, האָט אים געקלעמט דאָס האַרץ וואָס די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב מאַטערן זיך אין די שמאָלע בלאָטיקע געסלעך און די קינדער פון ישמעאל האָבן זיך אויסגעשפּרייט אַרום ירושלים, פונקט ווי די שטאָט וואָס דוד המלך האָט איינגענומען זאָל געהערן צו זיי, און פונקט ווי שלמה המלך, וואָס האָט אויסגעבויט דעם בית המקדש, וואָלט געווען פון זייער אָפּשטאַם — האָט זיך טאַקע גאָט מרחם געווען און וועט ווייטער אויך זיך מרחם זיין.

אַז רחמים פלעגט אַרויסגיין שבת איבער די גאַסן פון תלביה און קאַטאַמאָן, האָט ער באַגעגנט זיינע פריערדיקע באַקאַנטע פון אַלט־ירושלים — ווער האָט דאָרט ניט געקענט חכם רחמים? — און ער האָט געזען ווי זיי בלאָנקען איבער די גאַסן און לאַנגווײַלן זיך — האָט ער זיי געמוטיקט: „וואָס מיינט איר? דאָרט איז געווען ירושלים, און דאָ איז נישט ירושלים? ווען דוד המלך, זיין זכות זאָל אונז ביישטיין, האָט איינגענומען ירושלים ביי די יבוסים, וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט איבערגעלאָזט די יבוסים זיך וואַלגערן אויף די גאַסן זייערע, ער האָט זיך געקערט אַביסל אָן אַ זייט און האָט אויסגעבויט אַ שטאָט — אַ שיינקייט, ווי עס איז געשריבן „יפה־נוף", וואָס איז געוואָרן די פרייד פונעם לאַנד. און וואָס האָט געטאָן שלמה המלך? און עזרא און נחמיה וואָס האָבן געטאָן? אונזערע חכמים זאָגן: „עס שטייט פאַר ירושלים זיך אויסצוברייטערן". זי ווערט ברייטער פון דור צו דור".

האָבן זיך געזאַמלט אַרום חכם רחמים מענטשן, האָבן הנאה געהאַט פון זיינע רייד, און ביי די ווייכהאַרציקע זיינען אפילו טרערן געקומען אין די אויגן, טרערן פון פרייד.

האָט מען פאַרבעטן חכם רחמים אין איינס פון די הייזער, ער זאָל מאַכן קידוש איבערן וויין, און טועם זיין אַ גלעזל טיי — די טיי פון מלחמה־צייט — איז אַריינגעקומען אין דעם הויז אויך אַן אַשכנזישער רב, און אָט אַזוי טוליען זיך אונטער איין דאַך „שכנזים" און ספרדים. דער אשכנזישער רב, אויך איינער פון די פּליטים פון אַלט־ירושלים, האָט אַריינגעגאָסן אַ ביטערן טראָפּן אין דער שמחה, ווען ער האָט דערמאָנט די בתי מדרשים וואָס די אַראַבער האָבן חרוב געמאַכט. האָט זיך פאַרטראַכט חכם רחמים און האָט

דעם רב געענטפערט: עס פרייט זיך מיין האַרץ וואָס דער רבונו של עולם האָט אויסגעגאָסן זיין צאָרן אויף די ביימער און אויף די שטיינער און נישט אויף די קינדער פון ישראל, חלילה. „גערעכט זיינע דיינע רייד" — האָט אים געענטפערט דער אַלטער רב, וואָס זיין עלטער איז געווען פינף און זיבעציק, און די פנימער פון די תמימותדיקע מענטשן האָבן אויפגעלויכטן מיט פרייד, וואָס אַן אַשכנזישער רב לויבט שטאַרק איינעם פון די זייעריקע.

אַ גוטער געמיט האָט גערוט פון איצט אָן איבער חכם רחמים. יעדן שבת, האָט געמעגט זיין אַ רעגן, צי אַ ווינט, איז ער אַרויסגעגאַנגען איבער די גאַסן פון תלביה און קאַטאַמאָן, אויף טרייסטן די אבלי ציון, די פליטים פון אַלט־ירושלים, און האָט געטריפט אויף זיי מיט די טרייסט־ווערטער פון די נביאים און חכמים, אַז גאָטס הויז וועט בלייבן אויף אייביק, און די אייביקע שטאָט וועט זיך אויסברייטערן, וועט זיך אָפּרוקן און וועט זיך צעבויען, און פונקט ווי ירושלים של מעלה וועט דערגרייכן ביזן כסא הכבוד, אַזוי וועט אויך ירושלים של מטה זיך אויסברייטערן ביז עק וועלט, לכל הפחות ביזן ים פון יפו... די פליטים הערן זיך צו און וואַקסן פון פרייד. און ווי פלוצלינג עפענען זיך ביי זיי די נאָזלעכער און זיי דערשפּירן דעם ריח פון די ביימער וואָס וואַקסן אַרום די שיינע הייזער, און עס עפענען זיך זייערע אויגן און זיי דערזעען דאָס ליכט פון די ברייטע גאַסן וואוהין זיי זיינען פאַרוואָגלט געוואָרן.

עס האָבן דערוואַכט זייערע הערצער און זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס איז אַ בזיון התורה, ווען חכם רחמים דאַרף דרשענען אויף דער גאַס, וואו עס שטייען מיסט־בלעכלעך, אָדער אין אַ שטוב וואו עס שטייען די בעטן. און כאָטש עס איז דעמאָלט געווען שווער ווי קריעת ים סוף צו באַקומען אין ירושלים אַ צימער — איז קיין חודש ניט אַריבער און מען האָט געקראָגן אַ רחבותדיקן חדר פאַר אַ בית מדרש. אין די וואָכעדיקע טעג לערנט דאָרט חכם רחמים מיט די אינגלעך, אַ זעכציק קיין עין הרע, און אין די שבתים דרשנט ער פאַרן עולם. דער חדר איז פול, מען שטייט קאָפּ אויף קאָפּ. איין דרשה האָט ער: ירושלים. הונדערט פנימער האָט ירושלים, און יעדן שבת איז זי אַן אַנדערע. אָט אַזוי איז זיין דרשה, און אָט אַזוי איז די שטאָט. און ווען חכם רחמים רעדט, צעשפּרייט ער זיינע לאַנגע דאַרע הענט, ווי ער זאָל אַרומנעמען גאַנץ ירושלים אַרום און אַרום און ער פאַרלאַנגט פון זיינע צוהערער, זיי זאָלן שבת גיין שפּאַצירן איבער די גאַסן פון ירושלים, אין תלפיות, אין קאַטאַמאָן, אין בית כרם, כדי זיי זאָלן זען מיט זייערע אייגענע אויגן אַז עס איז נישטאָ אַזאַ שיינקייט, ווי די שיינקייט פון ירושלים, און אַז פון די צען מאָס שיינקייט וואָס דער אויבערשטער האָט צוגעטיילט פאַר דער וועלט האָט ניין חלקים בפירוש צוגענומען ירושלים, אַזוי ווי אונזערע חכמים האָבן געזאָגט.

זיין ווייב, מלכה, האָט אים אויסגערעדט: „אויב זיי האָבן אַזוי שטאַרק הנאה פון דיר, פאַרוואָס זאָלסטו פון זיי קיין זאַך ניט נהנה זיין? פאַרוואָס זאָלסטו ניט פאַרלאַנגען פון דער קהילה אַ דירה נענטער צום בית המדרש און מיר זאָלן ניט שטיקן זיך זעקס נפשות אין איין צימער, און דער אויוון אין שטוב וואָס מאַכט נאָך ענגער? און פאַר מיר — האָט מלכה אַרויסגערעדט מיט אַ שטילן קול — וועט שווער זיין אין אַ פאָר חדשים אַרום אַרויפקלעטערן איין און זעכציק שטיגן".

חכם רחמים האָט איינגענומען זיין ווייב מיט ווייכע רייד: איך ווייס אַז



עס איז שווער פאַר דיר, אָבער אייביק איז מען דאָך ניט שוואַנגער, מלכה. אין זכות פון דיין מאַטערניש צוליבן צער פון ירושלים — וועט דאָס קינד וואָס וועט געבאָרן ווערן זוכה זיין זען ירושלים אַ געטרייסטע. דו ווייסט דאָך, טאָכטער מיינע, איך קען פונדאַנען ניט אַוועקגיין.

— איך ווייס ניט, מיין מאַן — ענטפערט אים מלכה.

— פון דעם אויבערשטיבל זעט מען אַלט־ירושלים, און איך זע אירע חורבות.

וואונדערט זיך מלכה: די לעצטע חדשים פירט ער זיך אויף אַזוי ווי ער וואָלט פאַרגעסן וועגן די חרובע בתי מדרשים פון אַלט־ירושלים. אפשר איז, חלילה, אויף אים אָנגעקומען צוריק זיין שווערער געמיט?

חכם רחמים האָט זיך אָנגעשטויסן וואָס מלכה טראַכט, און ער האָט געזאָגט: „אָט איצט איז מיר קלאָר געוואָרן פאַרוואָס דער רבונו של עולם האָט אַריינגעגעבן מיין פאָטער (וואָס איך בין ניט ווערט דעם שטויב וואו ער ליגט) אין זינען ער זאָל מיך אַ נאָמען געבן רחמים. רחמים איז לשון רבים. צוויי געמיטער זיינען באַהאַפטן אין מיר: אַמאָל קלאָגט מיין האַרץ אויפן חורבן פון אַלט־ירושלים, און אַמאָל פרייט זיך מיין נשמה מיטן אויפבוי פון ניי־ירושלים.

מלכה האָט פאַרשטאַנען וואָס איר מאַן זאָגט, און זי האָט אים מער ניט דערווידערט. און ער האָט ווייטער גערעדט, האַלטנדיק זיין בליק צוגעשמידט צו אַלט־ירושלים, צו די חרובע אידישע היימען דאָרט:

„פאַר דער וועלט וויז איך נאָר מיין פריילעכן געמיט, כדי ניט פאַרטרויערן זייערע הערצער; עס זאָלן, חלילה, ניט אָפּגעשוואַכט ווערן זייערע הענט, און זיי זאָלן מיט שמחה ווייטער בויען ניי־ירושלים".

פון העברעאיש — ק. מ.

*

# די ווערטער פון אַ ליד און די נשמה פון אַ ליד

THE GOLDEN PEACOCK, by *Joseph Leftwich*, Thomas Yoseloff, New York-London, 1961.

ליינען אַ ליד אין איבערזעצונג איז אַזויווי קריגן פאַר אַ ווייב לאהן אָנשטאָט רחלען. זיי זיינען שוועסטער, און גראָד אין דער ענלעכקייט איז דאָ יעקבס אַנטוישונג. אַ ליד אין איבערזעצונג פעלט די פולקייט פון אָטעם פון אָריגינאַל. און דאָס איז חל אַפילו אויף די בעסטע איבערזעצונגען.

אַ וואָרט איז געגליכן צו דעם מן וואָס האָט געשפּייזט די אידן אין דער מדבר. לויט דער כוונה פון דעם אויפקלייבער האָט דער מן געקראָגן זיין טעם. דער מן האָט געקענט זיין זיס און ביטער, האַרט און ווייך, און כל מיני טעמים פאַרן גומען האָט מען געקענט אַרויסבאַקומען פון אים. אַ פשוט וואָרט, וואָס מיר נוצן טאָג־טעגלעך, האָט אויך די זעלבע אייגנשאַפטן. עס ווענדט זיך אין דער כוונה און דעם געפיל וואָס אין דעם וואָרט ווערט אַריינגעלייגט. איין קנייטש, וואָס עס ווערט געמאַכט אין אַ וואָרט, קערט אָפּטמאָל איבער זיין באַדייט. צום ביישפּיל: דאָס וואָרט „טייערער" איז אַן אויסדרוק פון ליבע. ווען מען גיט אַ קנייטש דאָס וואָרט און מען זאָגט — טייערינקער — האָט עס אָפּטער אַ פאַרקערטן מיין. „ביין, טייערינקער, דאָס קען איך דיר ניט נאָכגעבן". און „טייערינקער" באַפּעס־

טיקט דעם אָפּזאָג. אַזוי איז עס אין דער טאָג־טעגלעכער שפּראַך, וואָס האָט אַ היפּשע מאָס פּאָעטישע פונקען.

עס זיינען אויף דער וועלט ניטאָ קיין נאַקעטע ווערטער. זיי טראָגן מלבושימלעך — אַלטמאָדישע און ניי־מאָדישע, און אוראַלטע וואָס עס האָט זיי נאָך אויסגעשטאַט אונזער מוטער רחל. כמעט יעדעס וואָרט האָט אַ צייגעניש פון וואַנען עס שטאַמט — פון למדנים, פון עם־הארצים, פון הענד־לער, פון מקובלים, און פרעמדע ווערטער וואָס כאַפּן זיך אַריין אין דער שפּראַך און זעען דאָרט אָפּטמאָל אויס ווי אַ האָז אין קרויט.

חוץ דעם, איז נאָך דאָס וואָרט אַ קאַפּריזנע בריאה, וואָס קלייבט זיך אויס שכנים. מיט דעם שכן וויל עס וואוינען צוזאַמען און מיט אַן אַנדערן ניט. מען קען ניט זאָגן „אַ סוחר מופלג", ווייל די צוויי ווערטער ווילן ניט שטיין בשכנות. די שכנים פון אַ וואָרט זיינען ווי אַלע שכנים פון דער וועלט, זיי דערציילן אויס וועגן דעם שכן זיינע פאַרבאָרגענישן. ווען מען זאָגט „אַ איד אַ יורד", דערציילט דער יורד וועגן דעם אידן אַ שטיק פון זיין ביאָגראַפיע, אַז ער איז אַמאָל געווען אין דער מעלה, פון געלט, אָדער פון מאַכט, אָדער פון השפעה, און איצט האָט ער אַראָפּגענידערט.

דאָס וואָרט „פריילעך" איז זייער אַ טייער וואָרט. אָבער ווען מען זאָגט „אַ פריילעך מיידל" קען עס מיינען אויך אַן אויסגעלאַסן מיידל, דערפאַר וויל דאָס וואָרט „מיידל" קיינמאָל ניט זיין בשכנות מיטן וואָרט „פריילעך", ווייס עס טראַכט אויס אויף איר אַ בלבול.

דאָס איז דער אויבנאויפיקער טויער פון ווערטער, נאָר פאַר אַ צוגאָב, און גאָר אַ וויכטיקן צוגאָב, האָבן ווערטער זייערע קרובים אין די פאַר־גאַנגענע דורות, און זייערע נאָענטע אין מענטשלעכן באַוואוסטזיין. אין דיכטונג און איבערזעצונג פון דיכטונג איז דאָס אַ וויכטיקער געוועב.

אין תהילים, צום ביישפּיל, וואָס איז אַ הויכע מדרגה פון דיכטונג, ווערט גענוצט אַזאַ פּאָעטישער אויסדרוק: „ער וועט פאַרוואַנדלען טייכן אין וויסטעניש, און מוטער־קוואַלן אין דאָרשטונג" (ישם נהרות למדבר ומוצאי מים לצמאון). דער תהילים זאָגט ניט „און מוטער־קוואַלן אין טריקעניש" — נאָר ער זאָגט „אין דאָרשטונג", ווייל דאָרשטונג איז אַ קרוב פון טרי־קעניש און נעסטיקט אין מענטשלעכן האַרץ מיט שרעק פאַר דער־אָ מאַטער־ניש. מיט דעם פּאָעטישן אויסדרוק קומט דער תהילים צום אור־שטאַם פון מענטשלעכן געפיל — דאָס איז דאָס אייגנטלעכע פון דיכטונג. אין אַן איבערזעצונג איז איינס פון די שווערסטע אויפגאַבן צו דערגרייכן אָט דעם אינערלעכן שפּרונג.

אין דעם וועלט־באַשאַף זיינען ווערטער פון די סאַמע געהיימע געביטן. דערפאַר אפשר האָט מען אונז דערציילט וויאַזוי די ערד איז באַשאַפן געוואָרן, און דער הימל, און וויאַזוי דער מענטש איז, נעבעך, באַשאַפן געוואָרן, אָבער דאָס וואָרט האָט מען אונז געגעבן פאַרטיקערהייט: ויאמר ד'. מער ווייסן מיר ניט וועגן דעם באַשאַף פון וואָרט — בבחינת זאָלן זיך די פּאָעטן אַליין מאַטערן און אויסגעפינען די סודות פון ווערטער. קיינער איז זיי ניט מחויב צו דערלאַנגען דאָס טעלערל פון הימל פון קינסטלערישן וואָרט.

וואָרט־שאַפונג איז נישט קיין אַבי־וועלכער עסק. אָן אַ שיעור אוצרות און קרבנות האָט אָפּגעקאָסט דער וועלט ביז עס איז געשאַפן געוואָרן אַ ניי וואָרט פאַר אַ מענטשן וואָס פליט אין די רוימען, דער עראָנאָט. מיר אידן האָבן דעם אויסדרוק „אַ לופט־מענטש" געשאַפן אַ סך פריער ווי אַנדערע



פעלקער. אמת, ביי אונז האָט עס געהאַט אַן אַנדער טייטש: מ'פליט נאָך פרנסה, אָבער נישט מיט ווייניקער יסורים און ווייניקער קרבנות. איבער־זעצן, למשל, דעם אידישן אויסדרוק „אַ לופט־מענטש" אויף אַן אַנדער שפּראַך איז זייער שווער, ווייל עס ליגן אין אים פאַרוויקלט אַ סך אידישע צרות און טרערן און שפּראַך־יצירה. דאָס זעלביקע איז מיטן וואָרט „ישיבה־בחור", ווייל אַ גאַנץ באַזונדערע קולטור־בינדונג שטייט אונטער דעם.

ווען עס קומט צו איבערזעצן אַ ליד, איבערליפערן די נשמה פון איין שפּראַך אין דער אַנדערער, שטייען אַלע מכשולים פון דער ווערטער־וועלט און מען דאַרף זיי בייקומען. איז דאָס אַ שווערע און דערהויבענע קונסט.

די אַנטאָלאָגיע פון דער אידישער פּאָעזיע, איבערזעצט אויף ענגליש און צוזאַמענגעשטעלט פון דזשאָזעף לעפטוויטש „דהי גאָלדן פּיקאָק" (די גאָלדענע פּאַווע), איז אַ געוואַגטע אונטערנעמונג. אין דער אַנטאָלאָגיע גייען אַריין לידער פון אַ הונדערט פערציק אידישע פּאָעטן, און דאָס בוך האַלט העכער זיבן הונדערט זייטן.

דאָס פּאָזיטיווע אין דער אַנטאָלאָגיע איז — די אויפמערקזאַמקייט און דאָס טייער האַלטן די אידישע פּאָעטישע שאַפונגען, הורטאָם, וואָלט איך געזאָגט. עס זיינען אין דער אַנטאָלאָגיע אַריין דיכטער, וואָס זיינען שוין כמעט פאַרגעסן. דאָס גיט דער אַנטאָלאָגיע אַ ברייטן פאַרנעם, ניט נאָר מיט דער גרויסער צאָל לידער וואָס גייען דאָרט אַריין, נאָר מיטן אַרומנעמען די שטימונג פון דער אידישער פּאָעזיע, איר טעמאַטיק און נאָכקלאַנגען. עס איז דאָ אַ מין ליבשאַפט פון לעפטוויטשן צו דעם געזאַנג בצוותא.

די לייענער פון דער אַנטאָלאָגיע, די וואָס קענען ניט קיין אידיש, און פאַר זיי איז דאָך די אַנטאָלאָגיע אַרויסגעגעבן — וועלן זיך קענען שאַפן אַ באַגריף פון דעם פאַרנעם פון דער אידישער פּאָעזיע, פון איר טעמאַטיק און אירע שטימונגען. מען קען עס אָנרופן — אַן אַלגעמיינעם איינדרוק. אָבער עס איז שווער צו זאָגן אַז זיי וועלן זען פאַר זיך באַזונדערע דיכטע־רישע פערזענלעכקייטן, און די קוואַליטאַטיווע הויך פון דער אידישער פּאָעזיע.

כדי איבערצוזעצן אַ ליד מוז מען זיין „אַביסל פאַרליבט" אין דעם ליד, אין דעם באַזונדערן ליכט־קרייז פון דעם דיכטער, אין זיינע וואָרט־בישופן. ווייל יעדער פּאָעט האָט זיינע אייגענע ווערטער און זיין אייגענעם וואָרט־צוזאַמענשפּיל. און ער האָט אויך זיין „פערזענלעכע" קאָמוניקאַציע מיט די פאָלקס־מקורות, און זיין באַזונדערן וועג צו גאָט. בכל אופן, צו די אַלע אייגנשאַפטן פון דעם דיכטער מוז דער איבערזעצער־דיכטער פילן אַ נשמה־קרובהשאַפט, און דעמאָלט וועט ער האָבן די אינערלעכע גלוסטעניש אויף איבערצוגעבן די שטימונג פונעם ליד.

מען דערציילט אונז אַז שלמה המלך האָט געהאַט טויזנט ווייבער. מסתם האָט ער יעדע איינע פון זיי אַביסל ליב געהאַט, ווען ניט, צו וואָס וואָלט ער מיט זיי חתונה געהאַט? די געשיכטע מיט שלמה המלכס ווייבער קומט אויפן זינען, ווען מען גיט אַ קוק אויפן „גאָלדן פּיקאָק" און עס שטעלט זיך די פראַגע: וויאַזוי האָט איין איבערזעצער געקענט זיך דורכדרינגען מיטן וועלט־באַנעם פון אַזויפיל פּאָעטן, מיט זייערע שפּראַך־אייגנאַרטיקייטן און די געמיט־מקורות וואָס יעדער פּאָעט האָט? אַזאַ אַרבעט וואָלט געדאַרפט אויסגעפירט ווערן לכל הפחות פון צוואַנציק פּאָעטן־איבערזעצער און יעדער זאָל קענען נעמען די לידער וואָס זיינען אים נאָענט אין געמיט און ממילא קומען צום נאָענטסטן אויסדרוק פונעם אָריגינאַל.

אין דעם „גאָלדן פּיקאָק" איז אָפּגעריבן דער גאָלד פון דער פּאָעטישער פּערזענלעכקייט. עס זיפּט זיך ניט דורך דער צויבער פון יעדערנס באַזונדערן אויסדרוק און דאָס איז דאָך גאָטס אויסשטייער פאַר פּאָעזיע. געטרייער זיינען איבערזעצט די לידער וואָס האָבן אַ סיפּור המעשה, אָדער אַן אויסגעשפּראָכענעם לייט־מאָטיוו. אָבער דאָרט וואו די זונינקייט זיפּט זיך דורך פון צווישן די שורות, און הענגט אויפן אומזעבאַרן פּאָדעם פון גן־עדן שפּרוך — קומען בלאַסע געגראַמטע פּערזן אָן דער ברכה איבער זיי. אַ בולטער ביישפּיל זיינען די איבערזעצונגען פון אברהם רייזענס לידער. אברהם רייזען איז אויסערלעך איינפאַך, נאַאיוו און אָפּטמאָל פּרימיטיוו. דער כוח זיינער איז אַן אומזעבאַרער. ווי אַ גאָלדענער שטראַל וואָלט נאָכגעיאָגט זיינע איינפאַכע ווערטער און זיי אַרומגעצויבערט.

אין דעם „גאָלדן פּיקאָק" גייט אברהם רייזען אַריין אין „דהי גרעיט פיגורס" (די גרויסע מייסטערס). דער עצם ענין פון אויסטיילן די גרויסע מייסטער אונטער אַן אויפשריפט איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַן אויסדרוק פון אומצוטרוי צום לייענער, „טאָמער וועט ער זיך ניט כאַפּן". און ער וואָלט זיך טאַקע ניט געכאַפּט פון דער איבערזעצונג פון רייזענס לידער. עס גייט דאָרט אַריין דאָס ליד „מאי־קא־משמע־לן?" לעפּטוויטש האָט גוט געטאָן וואָס ער האָט ניט איבערזעצט אויף ענגליש דאָס קעפּל פון דעם ליד און לאָזט עס איבער מיטן אידיש־העברעאישן נאָמען „מאי־קא־משמע־לן", ווייל ער האָט געפילט, אַז דער אויסדרוק איז אָנגעלאָדן מיט טראַדיציע און זיין וואָג וועט פאַרלאָרן גיין אין אַן איבערזעצונג. אָבער די איבערזעצונג פון דעם ליד גופא איז געמאַכט געוואָרן אַזוי אַז עס פאַרלירט די קרובהשאַפט מיטן „מאי־קא־משמע־לן".

ביי רייזענען איז דאָס גאַנצע ליד געהאַלטן אין לשון פון די ישיבה־בחורים, די לערנער. פון די שפּראַך־קנייטשן, פון דעם באַזונדערן אופן פון ריידן קומט אַרויס די געשטאַלט פון דעם ישיבה־בחור, זיין נייגונג צו „דרינגען", צו מח'ן זיך, צו איבערטראַכטן. עס קומט אַרויס זיין גייסטיקייט אפילו ווען ער רעדט וועגן זיינע צעריסענע שטיוול. די ערשטע צוויי שורות פון רייזענס ליד: „מאי־קא־משמע־לן דער רעגן / וואָס זשע לאָזט ער מיר דאָ הערן?" קומען גלייך אַרויס מיטן למדנישן אויסגעאיידלטן טרויער, וואָס קיין שום אָרעמקייט פון צעריסענע שטיוול קען אים ניט אַראָפּציען פון זיין אידישער אַריסטאָקראַטישקייט. ווען מען זעצט איבער די שורות אויף: „וואַט איז די רעין סעאינג? וואַט איז די מעסעדזש איט בערס?" ווערט פאַרשוואונדן דער ישיבה־בחור און די גאַנצע לאַנגע קייט פון לערנערשער טראַדיציע פאַרלירט זיך כלא היה. דאָס וואָרט „מעסעדזש" קלעפּט זיך ניט מיטן ישיבה־בחור, וואָס ער וואַרט ניט אויף קיין שום אַנטפּלעקונג און אָנזאָג, נאָר זיין אינערלעכע עלנטקייט זינגט אַרויס. דאָס איז די שכנהשאַפט פון ווערטער וואָס בוצקען זיך אין דער איבערזעצונג. ווען רייזען זאָגט „עסן טעג און שלינגען טרערן" ברענגט ער אַרויס אַ אידישע אינסטיטוציע, אַ מין דורותדיקן אידישן אוניווערזיטעט על חשבון הקהל „עסן טעג" און דאָס מיינט ניט „עסן סקאָרינקעס" (איטינג קראָמבס) — מען קען עסן געבראָטענע טייבעלעך ביי אַ פרעמדן טיש און שלינגען דערביי טרערן. כדי איבערזעצן אַזאַ ליד מוז מען איבערגעבן דעם אינערלעכן זין פון די שורות, און ניט זייער בוכשטעבלעכן טייטש. ווען ניט — פאַרשווינדט די מייסטערשאַפט פון דעם ליד און עס בלייבן פאַראָרעמטע שורות.

אַ סך בעסער גיבן זיך איין לעפּטוויטשן די לידער וואו עס איז דאָ



אַ סיפּור המעשה, ווי צום ביישפּיל, לייזער וואָלפּס „משה מאָנטעפיאָרי אין ווילנע". אין דעם ליד האָט לעפּטוויטש באַוויזן אַרויסהייבן צוזאַמען מיטן סיפּור המעשה די נאַאיוויטעט פון די גאָלדענע טרוימען פון די אָרעמע אידן, די וואונדער גוזמאות פון דער אויסגעחלומטער עשירות און דאָס וואַרטן אויף ישועות און אויף משיחן.

אַזוי איז אויך משה קולבאַקס „מיינע פּעטערס", „דער זיידע שטאַרבט". קולבאַקס ליריזם וואָס דריקט זיך אויס אין זיינע שווערע, אָנגעלאָדענע שורות פון פּשוטע ווערטער — האָט לעפּטוויטש איבערגעבן מיט געטרייַשאַפט און מיט אָפּפילן קולבאַקס פּאָעטישן געמיט.

ווי מיר דאַכט זיך איז אינגאַנצן איבעריק דאָס אַריינברענגען ר' לוי יצחק בערדיטשעווער אין דער אַנטאָלאָגיע. נישט די לידער האָבן גרויס געמאַכט ר' לוי יצחק בערדיטשעווער, און זיי זיינען נישט די מאָס פון זיין געשטאַלט. מיר, וואָס זיינען איבערגענומען מיט דער גאַנצער לעגענדאַרישקייט אַרום ר' לוי יצחק און מיט די מעשות וועגן זיין אהבת ישראל, מיט זיין אידישער גבורה אָנצוקלאַפּן אין גאָטס טיר ווי אין אַן אייגענער — פאַר אונז איז זיין ליד אי פאַרשטענדלעך, אי אייגן. פאַר די אָבער, וואָס זיי איז ניט באַקאַנט די געשטאַלט פון ר' לוי יצחק, איז דאָס ליד ניט קיין אַנטשפּרעכנדיקער פּאַספּאָרט פאַר זיין גרויסקייט. דאָס זעלבע איז אויך חל אויף ר' נחמן בראַצלאַווער. זייער פּאָעטישער בייטראָג ווערט ביי אונז געשעצט מער ווי געשאַצט, און מוז קומען מיטן גאַנצן פאָלקס־אָרקעסטער וואָס שפּילט אַרום זיי. אַנדערש האָבן זיי ניט דעם געהעריקן אָפּקלאַנג.

אין דעם צוזאַמענשטעלן די אַנטאָלאָגיע זיינען די פעדערן פון דעם „גאָלדן פּיקאָק" היפּשלעך צעשויבערט. עס שטעלט זיך די פראַגע: מאַני לייב, וואָס אים האָט לעפּטוויטש אַריינגענומען אין „דהי גרעיט פיגורס", פאַרנעמט פיר זייטלעך, און אַנדערע וואָס געהערן ניט, לויט לעפּטוויטשן, צו די גרעיט פיגורס, צעלייגן זיך איבער אַ סך ברייטערע וויינגערטנער. צו וואָס זשע טויגן דאָ „דהי גרעיט פיגורס"? אויף באַהאַלטן זיי אין קעשענע? און דער לייענער וואָס באַקאַנט זיך מיט דער אידישער פּאָעזיע דורך דעם „גאָלדן פּיקאָק" זאָל גלויבן „אויף נאמנות" אַז זיי זיינען גרויס? אָדער צום ביישפּיל י. י. שוואַרץ פאַרנעמט בידנע אָנדערטהאַלבן זייטלעך. ער איז קיין עין הרע אַ איד מיט ברייטע פּלייצעס. תרתי משמע. פאַרוואָס האָט מען אים אָנגעטאָן אין אַ שמאָל העמדעלע ער זאָל אויסזען ווי אַ ליטעראַרישע „בעיבי"? די פרויען־פּאָעטן האָט לעפּטוויטש אַריינגעזעצט באַזונדער אין אַן „עזרת נשים". עס פעלט דאָרט בלויז אויף דער מחיצה די ברכה: „ברוך שלא עשני אשה".

דער פאָרוואָרט, וואָס דאַרף זיין דער טויער צו דער אידישער פּאָעזיע, איז אַ „ציטאַטאָלאָגיע" פון אָן אַ שיעור מענטשן, זשורנאַליסטן, לאַנדסלייט, רבנים. זיי זיינען אַלע חשובע מענטשן, נאָר וואָס זיי טוען אין דעם פאָרוואָרט צו דער אידישער פּאָעזיע, האָב איך נישט געקענט דערגיין. דער איינציקער וואָס איז דאָרט נישטאָ איז לעפּטוויטש אַליין, מיט זיין אויפפאַסונג פון דער אידישער פּאָעזיע.

ק. מאָלאָדאָווסקי

# אָפּרופן אויף דער „סביבה״

מאָריס ל. שיוזער — דעטראָיט: איך וויל אייך ווינטשן אַ סך הצלחה. לאָמיר האָפן אַז עס וועלן נאָך זיין אַ סך נומערן. איך וואָלט אייך דאַנקבאַר געווען אויב איר וואָלט אַרויסגעשיקט אַ קאָפּיע צו דער שיוזער־ביבליאָטעק אין בית־ברל, ישראל. די „סביבה״ וועט דאָרט זיכער האָבן אַ וואַרעמען אָפּרוף...

דינה האַלפּערן — שיקאַגאָ: עס איז באמת אַ פריד לייענענדיק די זייער אינ־טערעסאַנטע אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען. נו, און די לידער — איז דאָך שוין אָפּגערעדט. איך ווינטש אייך אַ סך מזל ברכה.

יהודה עלבערג — מאָנטרעאָל: איך ווינטש אייך אַ סך געזונט, כח, אויסדויער און עקשנות. איר וועט זיך נויטיקן אין דעם אַלעם צו קענען טראָגן אויף אייערע פּלייצעס די „סביבה״. אַ יישר־כח פאַר נעמען אויף זיך דעם עול.

יהודה בלייך — מילוואָקי: דער מאַטעריאַל אין דער „סביבה״ איז דורכאויס „היי־קלעס״, ווי מען זאָגט ביי אונז... מען פילט דעם פיינעם צוגאַנג און גוטן געשמאַק...

נחמה און יחיאל לעסאוואָדער — מיאַמי: מיר ביידע האָבן גוואַלדיק הנאה געהאַט פון דעם ערשטן נומער „סביבה״. מיר שאַצן אָפּ די וויכטיקייט פון אַזאַ ליטעראַרישער אויסגאַבע ביי דער איצטיקער צייט. געשטאַרקט זאָלן ווערן אייערע הענט... הלוואי זאָל אייער זשורנאַל אַרויסרופן דעם אָפּרוף און אינטערעס צווישן אונזערע וויניקע לייענער.

י. זיפּער — מאָנטרעאָל: אַזוי ווי איך זע אַז איר זוכט אַ מנין אידן צו אייער „סביבה״, וויל איך זיך מצרף זיין. אויב נישט צום ערשטן מנין, מעג זיין צום צווייטן, דריטן און אפילו ווייטער... האָט הצלחה...

פייגל און אהרן מאלדאו — באָסטאָן: ...מיר האָפן אַז איר וועט נאָך אַ סך יאָר זיין פון די שומרי החומות פון אונזער אידיש וואָרט... מיר שיקן אייך האַרציקע ברכות פאַר דערפאָלג אין אייער ווערטפולער אונטער־נעמונג.

פּראָפעסאָר א. לערמער און פרוי — מאָנטרעאָל: נעמט צו מיין גרוס און מיינע בעסטע וואונטשן פאַר גרויסן דערפאָלג. מיר האָבן גרויס הנאה געהאַט פון ערשטן נומער, און זיינען זייער דאַנקבאַר אונזער גוטן פריינט רחל קאָרן פאַר ברענגען אייער זשורנאַל צו אונזער אויפמערקזאַמקייט.

י. מאַנדלקערן — פילאַדעלפיע: אויב איך וועל באַגעגענען אַ אידן וואָס איז פאַראינטערעסירט אין די „קליינע פינטעלעך״ זאָג איך אייך צו אַז איך וועל זיך באַמיען אים צו מאַכן פאַר אַן אַבאָנענט פון דעם פיינעם זשורנאַל.

דר. יום־טוב הלמן — ירושלים: אלפי תודות על „הסביבה״ ששלחתם לי... אַ קליינינקע אָבער אַ וואוילינקע. זוהי „סביבה״ יהודית שביהודית, ואם תמצא לומר — אפילו עברית, שכן היא מעבר ללשון. היא עממית, כל יהודית גם במובן הזמני. בלעתי אותה כולה באותו ערב.

(ווייטערדיקע בריוו אין די קומענדיקע נומערן)

---

„סביבה״ זשורנאַל פאַר ליטעראַטור און קריטיק
רעד.: קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

**SEVIVA — LITERARY QUARTERLY**

Yearly Subscription: $3.00 — 75 cents a copy

*Editor:* K. Molodowsky, 572 Grand Street, New York 2, N. Y.

[PRINTED IN U·S·A]



# סביבה

פערטל־יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור און קריטיק

◈

נאַציאָנאַלע שטריכן אין דער אידישער פּאָעזיע..............ק. מאָלאָדאָווסקי
מענטשן האָבן באַדאַרפט קומען (ליד)..............ה. לייוויק
4=2+2 — אָדער צוריק צו היינריך היינע..............מלך ראַוויטש
צוויי מאָל צוויי פּלוס..............יעקב גלאַטשטיין
אַ פּערשפּעקטיקטער פּרילינג (ליד)..............רחל ה. קאָרן
דער זוהן (דערציילונג)..............יצחק באַשעוויס
אין מדבר אריזאָנאַ (ליד)..............חיים גראַדע
לאַבאָראַטאָריש גערעדט..............אהרן צייטלין
די ראָטאָנדע (פּאָעמע)..............אפרים אויערבאַך
קעגן וועמען קעמפט י. באַשעוויס?..............אַדאַ לאַפּין
לידער..............גבריאל פּרייל
מענדעלעס אַלעגאָריעס..............שמחה לעוו
שבת־אויבס לידער..............בעריש ווייַנשטיין
ביי די גרענעץ־וואַכן פון דער געשיכטע..............רחל ה. קאָרן
די ברכה (ליד)..............מלכה חפץ־טוזמאַן
יעקב פרידמאַנס „די לעגענדע נח גרין״..............אפרים אויערבאַך
אַ ליבע־בריוו צו ניאַגאַראַ..............י. אַדלער
לידער..............יוסף רובינשטיין
אין אַ טאָג פון יום־טוב (דערציילונג)..............יוסף חיים ברענער
לידער..............קאַדיע מאָלאָדאָווסקי
צום שלום פון ערשטן יאָר „סביבה״

◈

נומער 4

חשון, תשכ״ב — אָקטאָבער, 1961

ניו־יאָרק, נ. י.